STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07499

ALEMENS VELT

Elie Verblun

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עליע ווערבלון

אלעמענס וועלט...

(101 לידער)

ארויסגעגעבן

פון יידישן שרייבער און זשורנאליסטן פאַריין

אין אורוגוויי

מאָנטעווידעאָ

1957

IMPRESO EN EL URUGUAY
PRINTED IN URUGUAY

COPYRIGHT BY
ELIE VERBLUN
JOAQUIN REQUENA 2862
MONTEVIDEO - URUGUAY

ELIE VERBLUN

ALEMENS VELT...
(El mundo de todos...)

Montevideo
1957

Editado por
LA ASOCIACION DE ESCRITORES Y PERIODISTAS
JUDIOS DEL URUGUAY



עליע ווערבלון

ציי׳כענונג: רפאל מאַנדעלצווייג

אינהאַלט:

אין איינזאַמען וואַנדער

דער סקולפטאָר — 9
כ׳בין אַליין די נאַכט — 10
ביי זיך אויפן שויס — 11
עס שלאָגט דער גערוך פון דער גאַס — 11
דער נזיר — 12
די טרערן פון ווענוס — 14
אויסטרוימען אַ וועלט — 16
וויג־ליד — 17
אַ טאָג טרעט אַרויף אויף אַ טאָג — 18
די טויב — 18
אין שאָטן פון די ביימער — 19
ים און זון — 20
אַ בוים רעדט זיך דורך — 20
אַ שפּעלטעלע פון טאָג — 21
דער ים — 21
אויגן מיינע — 21
איך קען — 22
דאָס בוך — 26
ברודער — 27
כ׳פיל די לאַסט — 28
פאַרדראָסן — 29
איך פיל אין מיין האַרצן אַ ניגון — 29
איך פרעג דאָס האַרץ פאַרוואָס עס שווייגט — 30
ווי כ׳בין עס געבונדן צום לעבן — 31
קראַנקפידעלע — 31
אַ שמיד מיך מיט קרעפטן אַרום! 32
לאָמיר זיך פרייען מיט דער וועלט 32
שטילער אָוונט, ליל און ראָז — 33
כ׳האָב אָנגעשטרענגט מיין בליק — 34
כ׳וועל זינגען אַ ליד וועגן בוים — 35
ווער בין איך, וואָס איך גיי — 35
דער נביא איז אַריינגעקראָכן אין זיין הייל — 36
פאַרוואָס פאַרשטייסטו ניט אָט־די געהיימע שלאָגן — 37
כ׳וועל עפענען דעם פאָרהאַנג — 37
כ׳וועל אַוועקגיין פון זיך ערגעץ וויט — 38
אַזוי ווי אַ דאָרן אין בליאונג — 39
ווי זיימבלאָזן — 40
מיין בליק איז געוועדט — 42
מיין היים איז אַצינדערט — 43
כ׳בין אַ שטילער, טונקעלער אור־ניוועדס — 44
וואָס איז פאַראַן אויף דער וועלט? 44
דער דיכטער — 45
דער בלינדער מאַן — 46
אין חלום קומען מיר די שונאים — 47
מיט אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ — 47
די וואָלקנס דורכן הימל — 48
כ׳בין גלייך צו יענעם הונט — 48
צו וועמען זאָל איך רופן? — 49
כ׳האָב אַריינגעקוקט אין שפּיגל — 49
אפשר דו — 50
ווי לאַנג, מיין פריינד? — 50
פון מיין פאַרצווייפלונג — 51
איך טראָג אַ שווערע משא — 51
איך גיי אַרום צווישן מענטשן — 52
עפּעס אויף די אויגן, מענטשן — 52
כ׳האָב אַרויסגעריסן פון דער קייט פון צייט — 53
אַזוי ווי אַ ווייסער אַקעראייזן — 53
ט׳האָט יעדערער פון מענטשן — 54
נביא זימרי — 55
אין דרויסן טריפט אַ רעגנדל — 58
ניט זיכער בין איך מיט דעם טאָג 59

און אַלע וואָס ווינען אין טאָל פון דער שטאָט — 60
ווען ס׳יווירט אין מיר אויף דאָס געזאָנג — 61
איך וועל אַריין — 61
דער היינט איז אַ זון פון דעם נעכטן — 62
אַ גליק וואָס דער הימל איז קיינעמס — 63
ניט מיין, אַז מיין זעל איז אַ גיהנום — 64
עמיצער האָט שוין מיין לעבן געלעבט — 65
צו די לאַגערן פון מיסט — 66
כ׳בין געגאַנגען צו דעם בוים — 66
איך טראָג אַ האַרץ אויף מיין האָרץ — 67
כ׳האָב גערופן צו די געטער — 68
כ׳נעם אָן — 70
דער מאָרגן — 71

באַלאַנדזשעניש

דער בראָדער זינגער — 75
איך טו אָן דאָס קראַוואַטל — 77
לילית — 78
דער יונגער גראַף טאָלסטאָי — 80
קלעזמערל, מנגנדל — 83
יוחנן איז אַ בעל־תשובה געוואָרן 85
דער לעצטער טאָג פון סאָקראַטעס 87
נארציס — 90
סאָנעט פאַר מיין קליינער פריינדין יודיט — 92
רפאל מאָנדלצוויג — ברודער מיינער — 93
דיאָגענעס — 95
דער רויטהאָריקער מאַן קאָלאָמבוס 96
פראָמעטיי — 98

אַלעמענס וועלט...

אין דער צווייטער העלפט פון מיין לעבן — 101
אָ, גיב מיר כוח אין מיין קעל, צו זינגען — 103
דער אוצר פון זכרון — 105
כ׳האָב לענדער פיל באַטראָטן — 106
פינף ברידער זיינען מיר געווען — 108
שרה בת טובים פון ווילנע — 110
ציגיינער — 112
אַ לעצטער ראָמאַנס — 114
דער קלעזמער — 115
דער פעניקס־פויגל — 116
אַ פרילינגס־ליד אין האַרבסט — 118
פרידן — 120
אַ געבעט צו ווענוס — 121
גאָזיוואַ — 123

אין אײנזאַמע װאַנדער

דער סקולפּטאָר

כ'האָב געזען דעם סקולפּטאָר, ווי ער האָט
פאַרביטערט אין דעם ווייסן שטיין;
דעם אומרו זיינעם און דער צער,
זיין שטומען אינערלעך געוויין,
ער שניידט אַריין אין ווייסן שטיין.

אַ בלינדער כוח הויבט זיין האַנט,
פאַרצווייפלט שאַפט ער עפּעס־וואָס,
ער מוז דאָך אויסקויפן זיין דראַנג,
האַקט ער אויס אין שטיין אַן אות.

און אָט: דער סקולפּטאָר איז שוין מיד.
פאַרמאַטערט קערט ער אָפּ דעם קאָפּ.
ער וויל ניט אָנקוקן זיין ליד,
דאָס ווייסע ליד פון שטיין אַראָפּ.

איך האָב געזען דאָס ווערק, אָ, גאָט!
אַ פּנים פון אַ מענטש איז עס,
וואָס שרייט דעם צער אַרויס. און האָט
אין אויגן־לעכער בליקן — פרעסט,
אַ מויל פון פּיין, וואָס וויינט און דראָט.

איך בין אַליין די נאַכט...

איך בין אַליין די נאַכט,
אַליין בין אויך דער שטערן —
ס׳איז ווי אַ הייל מיין זעל,
דאָך שטימען פון איר הער איך.

עס זינגט אַ בלינדער כאָר
פון אומעט און פון ליידן —
אין מדבר אַ געזאַנג,
אַ ליד צו פוסטע ווייטן.

די טענער טאַפּן רוים,
ווי בלינדע פינגער פלויטן.
די ליידיקייט איז שווער,
פאַר לידער איז אַ טויט דאָ.

עס זינקט נשמה איין
אין בלאָטע פון די ספערן...
איך בין אַליין די נאַכט,
אַליין בין אויך דער שטערן...

ביי זיך אויפן שוים...

איך זיץ אָפּ דאָס לעבן ביי זיך אויפן שוים.
און ס'איז ניט אַ זאַך צו באַזינגען.
כ'וואָלט גערן געשאָנקען אַ טייל פון מיין בלוט,
ס'זאָל זיין נאָר ווער עס זאָל נעמען.
און דאָס ביסעלע מיינס דאָס פאַרבליבנס,
וואָלט צערטלעכער גלעטן די אָדערן.
און מיין שעה וואָלט געווען דאָס ליבּ פון די וואַרעמע רגעס.
און זי וואָלט מיר געטריפט אין דיביינער.

עס שלאָגט דער גערוך פון דער גאַס...

עס שלאָגט דער גערוך פון דער גאַס,
דער שווייס פון די ברידער אין דור,
און יעדערער צערטלט דעם האַס,
ווי רייטער די זילבערנע שפּאָר...

און שוואַרץ איז ביי דיר דאָס געמיט,
אַזוי ווי די פליגלען פון ראָב —
ווי ווילט זיך אין פייער־צעגליט
אַ שליידער טאָן אַלץ — און אַראָפּ!

דער נזיר

די נאַכט איז אַריין אין זיינע אויגן
אויף קיינמאָל אַרויסצוגיין.
באָרוועס, מיט אַ שטריק אויף די לענדן,
שפּאַנט דער נזיר, שטענדיק אַליין.

אַזוי גייט ער אין מיט פון די גאַסן,
די באַלעגאָלעס האַלטן איין די פערד;
אין די קאַלטע רעגנס פּאַטשט ער
מיט די באָרוועסע פיס אויף דער ערד.

ס'האָט קיינער געהערט נאָך זיין שטימע
פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר,
ווער רעדט נאָך אַ שמייכל, אַ מינע —
ער גייט און דער טויט איז זיין פּאָר.

איך, דער שרייבער פון די שורות,
בין אים איינמאָל נאָכגעלאָפן אַ טאָג:
— נזיר, דעם מיין פון אייער פירונג
מיר זאָגט, ווייל אויך ביי מיר עפּעס נאָגט.

דאָס ערשטע מאָל איז עס געווען,
ער זאָל עמיצן שענקען אַ בליק.
זיין בליק — אַן אָפּגרונט, אַ טיפקייט —
האָט מיך געוואָרפן, ווי אַ שפּענדל, צוריק:

„—צי זעסטו ניט, דו יינגל,
פון מיין פירונג דעם גלייבן מיין:
כ'בין שוין לאַנג אַרויס פון דעם לעבן,
אָבער אין טויט בין איך נאָך ניט אַריין.

„אַ האַרץ האָב איך געהאַט אַ פריילעכס,
אַמאָל אין יענע ווייטע טעג,
אַ ליבשאַפט פאַר גוטס און פאַר שיינקייט,
אַ גלויבן איז געווען מיין פאַרמעג.

„איז דאָס בייז אַריין אין מיין שמחה,
מיין ליבשאַפט איז פאַרשאָטן מיט שטויב,
און מיין גלויבן אין מענטש און אין הויכקייט,
איז געוואָרן צעפיצלט אויף דרויב".

די טרערן פון ווענוס

מ. ש. פ. געווידמעט

דער אַלטער מייסטער האָט פון שטיין
אַ פרויען־קערפּער אויפגעלעבט.
אַנשטאָט פון לייב אַ ריפּנביין,
האָט ער פון זעל אַן אָפּבילד שיין
אין ווייסע גלידער איינגעוועבט.

— ס'איז ווענוס — האָט דאָס פאָלק געזאָגט —
די זעלבע וואָס אַ כוואַליע שוים
געבאָרן האָט אין וויטן טאָג,
אַ כלה פאַר דעם גרייזן גאָט
פון ים, וואָס בייזערט זיך אין תהום — — —

דעם מייסטערס ביינער זיינען שטויב
עס קומען דורות — און אַוועק,
עס זינגען דיכטער זייער לויב
און האַרן עסן זייער רויב —
שוין מער פון שטערן זיינען טעג.

נאָר אייביק איז די פרוי פון שטיין
די שיינע גלידער אויסגעשטעלט.
פאַר יעדן מאַן איר מילדער חן.
אָן גליק, אָן פרייד און אָן געוויין
פאַר זיך אַליין... אָ, סאַראַ קעלט!

דער אויפזועער אין דעם מוזיי
האָט זיך פאַרוואונדערט אין אַ טאָג
ווען ער האָט טרערן גרויסע צוויי
אין אויגן פון דער פרוי פון שטיין
דערזען... צעגליטער צער און קלאָג.

און אַ גרימאַס אַזאַ ביים מויל
האָט זיך פאַרקאַרבט גאָר טיף אין שטיין:
איך בין שוין מיד פון זיך... ווי הויל...
אָן האַרץ בין איך... אַ שטיין... אַ גרויל...
און אויסגעבענקט האָב איך ס'געוויין.

אויסטרוימען אַ וועלט

כ'וועל מיר אויסטרוימען אַ וועלט,
איך זאָל האָבן וווּ צו וווינען,
וווּ צו לעבן ס'ביסל טעג,
וואָס די צייט וועט מיר געבוירן.

אויך באַשאַפן וועל איך מיר
אין מיין געשטאַלט אַ גאָט אַ וווּנדער;
פאַרן הימל דעם קאָליר, —
ווייס איך נאָך ניט וועלכן נוצן...

אין מיין וועלט וועט זיין אַ פּלאַץ
פאַר די חיות אַלע מינים:
נאָזהאָרן און ביבערקאַץ,
טירקלטויב און וואָרעמבינען.

יעדערער וועט האָבן זיין
אייגן טעלערל פון הימל;
ווי געבוירן פונדאָסניי
קום איך דאַן אַרויס פון דמיון.

וויגליד

שלאָף איין, מיין קינדעלע, שלאָף איין,
דיין טאַטע ביי דיין בעטל שטייט.
ס'איז דאָ אַ וועלט, זי איז ניט מיין,
ס'איז דאָ אַ טאָג, און ער פאַרגייט.

וועסט אויסוואַקסן, מיין שפּראַך פון לייב,
וועסטו דערקענען מיינע רייד:
עס לעבט־אָן טעג דער מענטש. און ס'בלייבט
אַן אַלטער שוך, אַ שמאַטע־קלייד.

און דאָס איז אַלץ, מיין קליינער פריינד.
אילוזיעס זיינען אפשר דאָ, —
אַ בלויער זייפנבלאָז באַשיינט
נאָך אפשר וועמעס גראָע שעה.

דיין טאַטע, אָבער, איז שוין פריי
פון יעדער אויסגעטראַכטער שיין.
ער אָטעמט איין אַ טראָפּן בליי
און ניט אַ שמעק פון רגע זיין.

שלאָף איין, מיין קינדעלע, שלאָף איין,
דיין טאַטע זאָגט דיר אויך „אַדיע",
ער איז שוין מיד פון פרייד און פּיין
און אויך פון זען און ניט דערזען.

אַ טאָג טרעט אַרויף אויף אַ טאָג...

אַ טאָג טרעט אַרויף אויף אַ טאָג,
אַ נאַכט שלינגט איינעט אַ נאַכט,
די ערד, ווי אַ שערבל פאַראָסט,
זיך קייקלט אין הפקר פון רוים.

און ס'איז ניט פאַראַנען קיין טויט,
קיין לעבן איז אויך ניט פאַראַן,
און דאָס וואָס ס'איז דאָ איז אַזוינס
באַוועגלעכעס עפּעס און שוין...

די טויב

עס האָט ביי מיר אין ברוסט געעפנט זיך אַ בלום,
אַ ווייסע ליליע בליט ביי מיר אין האַרץ;
זי האָט אַרויסגעשפּראָצט פון טונקעלן אַרום
גאָר אומגעריכט. איך האָב זי ניט דערוואַרט.

און אַט איז פרידן דאָ אין מיר, — צו דיר אַ לויב!
ווי האָניק זוניקער עס טריפט די שעה;
און פון מיין אויג עס קומט אַרויס אַ מילדע טויב,
זי פליט מיין גאַס אַדורך,
דורך אַלע גאַסן פון דער שטאָט...

אין שאָטן פון די ביימער...

אין שאָטן פון די ביימער,
ליגט די וועלט פון רו.
צווישן קברים כ׳גיי מיר
און ס׳איז מיר אַזוי גוט.

איך אָטעם איין די פריינטשאַפט
פון יעדן דענקמאָל־שטיין;
אָ, נאָענטע מיינע, ווייטע,
איך ליב אייך און פאַרשטיי!

די מענטשלעכקייט די שטילע,
וואָס פילט דאָ אָן דעם רוים,
מיט אַלע אברים פיל איך
און ס׳ווערט מיר אַזוי גרוים.

אָ, קברים מיינע, ליבסטע,
מענטשן פון אַמאָל!
פון אַלץ איז מיר געבליבן
אייער טויטן־טאָל.

איך האָב נאָך ניט די העזה
צו גלייכן זיך צו אייך.
אָט מוז איך אייך פאַרלאָזן
און ס׳איז מיר גאָרניט לייכט.

איך גיי אין שטאָט צו מיינע
לעבעדיקע לייט,
זיי זייגען מענטשן פיינע...
איך הער זיי שוין פון ווייט.

ים און זון...

ים און זון, און גאָלדענער זאַמד,
איינטאָניק שפּילן די כוואַליעס,
אַ מבול פון בלויקייט פאַלט פון דער הויך
און טרינקט אָן די ליכטיקע וויילע.

ים און זון, און גאָלדענער זאַמד,
עס דרימלט דער מענטש אַ באַשיינטער,
פאַרוויגט פון דער זון, פון ים און פון לופט,
דאָך... אַ פינצטערן חלום טרוימט ער.

אַ בוים רעדט זיך דורך...

אַ בוים רעדט זיך דורך מיט אַ צווייטן
מיט מילדן געריוש, אין דעם וואַלד;
זיי הערן זיך אויס און פאַרשטייען.
אַ בוים איז ניט איינזאַם אין וואַלד.

נאָר שלעכט איז דעם בוים אויף די וועגן.
אַליין אונטער הימלשער ברייט
איז ער — און עס יאָגן די טעג אָן
אין צער... און זיין לעבן פאַרגייט.

אַ שפּעלטעלע פון טאָג...

אַ שפּעלטעלע פון טאָג אין מיין געמיט,
דער ערשטער אויפשיין פון באַגין;
אַ וואָלקנדל אין שוואַרצן הימל בליט,
מיט ערשט־געבוירענעם קאַרמין.

פון האָפענונג אַ שיפל ביזטו מיר!
אַ טויב אין מבול פון דער נאַכט!
אָ, וואָלקנדל אין יונגן פורפור־ציר,
אַ גרוס פון זון האָסט מיר געבראַכט!

דער ים...

דער ים — דער אלטער גאָט — צעוויגט
די בראשיתדיקע פלאַזמען,
פון אונדזער שטאָט, צי לאַכט ער ניט,
פון אירע מענטש־פאַנטאַזמען?

אויגן מיינע...

אויגן מיינע — בידנע שאָף
ביי אַ שוואַרצן טייך.
צוגעמשפּט אַזאַ שטראָף
האָט דער גורל אייך.

איך קען...

איך קען די זון, איך קען דעם שאָטן,
איך קען דעם טאָג און כ'קען די נאַכט,
דעם הימל קען איך און דעם באָדן,
דעם מענטש, דאָס גראָז און יעדע זאַך.

איך קען דעם ים, איך קען דעם שטורעם,
פון דער נשמה דעם געברויז,
איך קען אַ שטיבל און אַ טורעם,
פון פאַלמען־בלעטער דאָס געזוויש.

איך קען די קראַפט פון די מאַשינען,
די טרעלן פון דעם נאכטיגאַל,
איך קען דעם האָניק פון די בינען,
די ביטערקייט איך קען פון גאַל.

איך קען די חכמה פון די ביכער,
דאָס וואָיען פון דעם וואָלף אין וואַלד,
איך קען דאָס האַרץ פון אַלע דיכטער
און אויך די אייגענע געשטאַלט.

איך קען די קעלט פון אייז און הערצער,
און אויך דאָס פייער, וואָס פאַרברענט,
איך קען דאָס לאַנד מיט זיינע הערשער,
די שטאָט קען איך מיט אירע ווענט.

איך קען די שטערנדלעך פון אויבן,
איך קען דעם תהום, דעם טיפן תהום,
די שלאַנגען קען איך און די טויבן,
דעם זומפּ און אויך דעם גיכן שטראָם.

איך קען די ליידנשאַפטן אַלע,
און ווייך, און ברויט און אויך דעם שלאָף,
איך קען די פרייד, איך קען דעם דלות,
איך קען דעם הונגט און כ'קען די שאָף.

איך קען דעם האַס און אויך די ליבע,
איך קען די פריינטשאַפט און דעם כּעס,
דעם פרילינג און דעם האַרבסט דעם טריבן,
איך קען דאָס פעלד און כ'קען די גאַס.

איך קען דעם טויט און כ'קען דאָס לעבן,
צום ערשטן פירן מיינע טריט,
דאָס צווייטע האָט מיר אַלץ געגעבן,
איך קען אַ זינגענדיק געמיט.

און פרויען — איך האָב זיי באַגעגנט,
דער אַלטער שלמה איז גערעכט:
אַ מאַן געפינסטו נאָך אויף די וועגן,
די פרוי איז צניעותדיק און פרעך.

אויך קען איך אַלע אינסטיטוציעס:
שפּיטאָל, די תּפיסה, ביבליאָטעק,
וואקזאל, די באָד און פּראָסטיטוציע —
איך קען זיי אַלע און אַן עק!

איך קען פֿאַריינען, קלאַסן־קאַמפֿן,
דעמאָנסטראַציעס, פּאָליטיק,
אויך קען איך ווייטיקן און קראַמפֿן
און ליטעראַרישע קריטיק.

איך קען מוזיק, איך קען סקולפּטורן,
און לאַנדשאַפֿטן מיט שטימונג רייך,
איך קען מאָנאַכנס און די . . . . . . ,
כ'קען דעם ברונעם און דעם טייך.

גנבים קען איך, און צדיקים,
דעם אַלטן נעכטן, יונגן היינט,
די קלאָרע, אויכעט די פֿאַריקטע,
און מיינע פֿריינט און מיינע פֿיינט.

איך קען דאָס טעאַטער, די מלאכות,
די זשוליקעס, די גרויסע לייט,
איך קען אַ קללה און אַ ברכה,
איך קען די נאָענט און כ'קען די ווייט.

די צייטונגען און די טראַמווייען,
דעם פֿוטבאָל־שפּיל און אויך דעם שאַך,
דעם קינאָ קען איך, ס'וועט ניט סטייען
פּאַפּיר און טינט פֿאַר יעדער זאַך.

אַוויאָנען קען איך, און מוזייען,
דעם צירק און כ'קען זיך אויך אויף געלט,
איך קען אויך אַלע מינים ווייען
און פֿריידן — גאָרנישט האָט געפֿעלט.

איך קען נאָך אַנדערן פאַנטאַזיע
און שטעלן אַלץ מיט קאָפּ פאַרקערט,
דעם הימל מאַכן פאַר אַ באָזע
און געבן פליגלען צו די ערד.

מיין זון — ער גייט אויף מיינע וועגן,
זיין בליק באַטאַפּט אַ יעדע זאַך,
ער מיינט אַ נייעם האָט ער באַגעגנט —
אויך איך האָב דאָך אַזוי געטראַכט.

אַצינדערט לעב איך צווייטע טורמע,
איך טרעף שוין ניט קיין נייע זאַך,
און קעלטער ווערט דאָס האַרץ און כמורנע —
און ניט עס וויינט און ניט עס לאַכט.

דאָס בוך

אָ, עפן זיך האַרץ צום געזאַנג!
און מיין קעל פאַר דעם קלאַנג פון דעם פערז!
אַ ליד וויל איך זינגען פון דאַנק,
אַן אָדע צום בוך — און ניט מער!

עס זיינען טעג אין מיין לעבן געשען
פול מיט פינצטערער נויט — ווי די נעכט,
אָן קיין טראָפן פון ליכט. כ'בין געווען
אין דער פראַצע געשמיט, ווי אַ קנעכט.

און דעם הימל האָב איך ניט געזען,
און די זון איז געווען צו מיר פרעמד...
האָט אַ מענטש צו מיר זיך דערנענט,
אַ בוך מיר דערלאַנגט: דו נעם!

און איך האָב געלייענט באַטאָג,
און איך האָב געלייענט באַנאַכט;
יעדער זאַץ, יעדער פשוטער זאָג
האָט געבליט אין דעם בוך — סאַראַ פראַכט!

און דאָס בוך האָט גערעדט פון דעם מענטש
מיט אותיות, ווי גילדענער שפריי,
און דאָס בוך האָט די וועלט געבענטשט,
און די צוקונפט, מיט ליכטיקע רייד.

ברודער...

ברודער, זיך באַהאַלט אין זיך?
ניט פֿאַרשענק דײַן האַרצן־וואָרט,
זײ אַ פֿלאַם אין אײגן ליכט,
צאַם אַרום דײַן שטיקל אָרט!
טרעפֿט אַמ־ווער דיר גוטעס זאָגט,
ר'איז אַ פֿרײַנט דיר — יאָ, אָן ספֿק!
נאָכדעם, אָ ווי ביטער קלאָגסט,
האָסט אַ שונא גאָר געטראָפֿן.
אים דײַן זעל האָסטו פֿאַרטרויט,
און געליבט אים בלינד, ווי בלינד!
ער — אַ מעסער האָט געגרייט,
ביז צו טױט דיך האָט געצילט.
כ'וועל ניט זוכן מער קײן פֿרײַנט,
אין מײַן ברוסט איך שליס זיך אײַן,
קײנער זאָל אַרײַן.

כ׳פיל די לאַסט...

כ׳פיל די לאַסט פון מיינע נאָענטע
און מיין רוקן בויגט זיך איין.
ס׳האָט דער גורל מיך פאַרפלאָנטערט
אין געוועב פון גוטע פריינט.
ס׳איז מיין האַרץ פאַר זיי פאַרשלאָסן,
גוט! זיי וועלן נישט אַריין.
כאָטש מיט בליקן די פאַראָסטע
ראָיען זיי זיך אין מיין פיין.
ליבער איז שוין בלינד זיין, ליבער,
כ׳וויל די גוטע פריינט ניט זען.
דעם אַרום דעם קאַלטן, טריבן,
קאָן דאָך שוין די קלאָרע פען.
ליבער איז שוין טויב זיין, ליבער,
שוין געהערט דער קלאַנג פון בלעך —
אין מיין האַרבן זע איך בילדער,
אויבעט קלאַנגען הער איך רעכט.

פֿאַרדראָסן

בײַ יעדן זײַן טראָט — נאָר פֿאַרדראָסן,
זײ זײַנען, װי גראָז, אַזױפֿיל.
און קלײנלעכקײט װיכטיק צעגלאָצט זיך
מיט אײגלעך אױף אים — פֿאַרנאַ שפּיל!

דער מאָרגן — אַ מועסער אָן אָפּן,
צעפּאָכעט זיך פֿאַרן געזיכט,
און אױבעט אין שעה פֿונעם שלאָפֿן —
אַ שלאַנג, דער אַמאָל, צי אים קריכט.

און װי זאָל ער לױבן דעם הימל
דער מענטש אין דער קײט פֿון דער נױט?
עס בלײַבט נאָר אַ גרױסער פֿאַריבל
אױף זיך און אױף לעבן פֿון קױט.

איך פֿיל אין מײַן האַרצן אַ ניגון...

איך פֿיל אין מײַן האַרצן אַ ניגון,
אָן װערטער אַ קלאַנגלאָז געזאַנג.
די נערװן, װי סטרונעס, װיברירן,
באַרירט פֿון פֿאַרבאָרגענער האַנט.

דער גאַנצער אַרום איז פֿאַראַנען
אין ליד, װאָס עס קװעלט פֿון מײַן האַרץ.
דער מענטש און די זון, און די יבמען
צעװאַקסן — אַ ליכטיקער אַלק.

איך פרעג דאָס האַרץ פאַרוואָס עס שוויַיגט...

איך פרעג דאָס האַרץ פאַרוואָס עס שוויַיגט
און לאָזט קיין לידער הערן מער;
צי איז די וועלט קיין וועלט שוין ניט
און אַלץ איז טויט פאַר דיר און לער?

צי איז אויך טויט דיַין האַרץ, אָ זאָג!
אַ פּוסטער חלל פול מיט נאַכט.
און אָן אַ שטערן, אָן אַ שיַין,
ביזטו אַ קבר אַ פאַרמאַכט?

אָ ניין! אין ברוסט איז לעבן דאָ!
נאָר אָפּגעשטאָרבן איז די וועלט.
איך גלויב ס'וועט אָניאָגן אַ ווינט
פון וווּ אַ נייע לעבנס-וועל!

ביז דאַן, אָ שוויַיג, מיַין האַרץ, אָ שוויַיג!
לאָז פליען דיַינע טעג — זיי לאָז,
ווי גרויע וואָראָביִיען אינעם האַרבסט! —
וואָס קענסטו אַנדערש טאָן — אָ וואָס?

ווי כ'בין עס געבוגדן צום לעבן...

ווי כ'בין עס געבוגדן צום לעבן!
ווי אַן אייביקער בוים איך וואָלט זיין. —
נאָר היינט כ'האָב אַ קבר באַגעגנט,
ווי ער דרימלט אין רו און אין שיין.
מיין האַרץ טוט אַ זאָג נאָר אַן קומער:
ביזט געוועזן, מיין פריינט, און — נישט מער...
— צי דען איז דער קבר פאַרנומען
מיט אַ גוף וואָס צו מיר אָנגעהער? —
אַ ווערבע מיט צווייגן, ווי פליגל,
פון א ווינטל אַ שטילן באַריירט,
מיר שעפּטשעט — אַז דאָ איז פאַרזיגלט
אָט דער מאַן, וואָס האָט ניט טריאומפירט.

קראַנקפידעלע

קראַנקפידעלע, קראַנקפידעלע
געהאַנגען אויפן וואַנט,
און קיינער ניט, און קיינער ניט
שפּילן האָט געוואַגט.

אין הערצעלע אין טיפנקן
איז שוואַרץ אַזוי און הויל —
נאָר זיפצעלעך, נאָר קרעכצעלעך
און מוראלעך — אַ גרויל.

קראַנקפידעלע, קראַנקפידעלע,
פון וואָס אַזוי דער פּיין?
— מיין וועלטעלע, מיין לעבנדל
וויינט אין מיר אַריין.

אַ שמיד מיך מיט קרעפטן אַרום!...

אַ שמיד מיך מיט קרעפטן אַרום!
מיט קרעפטן מיין טאָג און מיין לעבן!
ווי דער וואולקאַן, וואָס איז שטום,
בין איך פאַרצויגן מיט נעפל.

גיב גלויבן אין אייגענעם שטורעם,
וואָס טליעט דערווייל אויפן דעק!
שטילקייט, וואָס שוועבט אום פאַראומערט,
נעמט מיך אַרום און פאַרדעקט. —

אין איינעם אַ טאָג וועט די לאַווע
אַ שטראָם טאָן מיט פייער פון דיר!
אַ שטייג טאָן עס וועלן די פלאַמען
און עסן דעם רוים, ווי פאַפיר.

לאָמיר זיך פרייען מיט דער וועלט...

לאָמיר זיך פרייען מיט דער וועלט מיט אונדזערער,
מיט די ווייסע יאָרן וואָס ווערן אונדז געשאָנקען,
מיט דעם גרינעם בוים וואָס איז אונדז אַ ברודער אין צייט,
מיט דעם הימל וואָס איז אייביק,
מיט דעם ים וואָס האַלט אויס דעם בליק פון הונדערטער דורות,
מיט דעם מענטש וואָס ער איז אַ פרייער ווען ווי די ביזט עס —
לאָמיר זיך פרייען מיטן גרויסן צירקל פון אַל און פון אַלץ.

שטילער אָוונט, ליל און ראָז...

שטילער אָוונט, ליל און ראָז,
אומרו מיינעם האָט געקושט.
אויף אַ ווייטן וואָלקן כ'לאָז
צו דיר שווימען מיין גערוס.
יונגער אָוונט־שטערן לייכט,
ליטערט אויס מיין שווער געמיט;
פון די מענטשן זידלעריי,
ווי אַ שטויב פון מיר פאַרפליט.
שטילער אָוונט דיך אַ לויב!
דאָס פאָטערפאָלק דיך ליבט!
אין מיין האַרץ אַ שטילע טויב
פון דיין הימל זיך אויסבריט.
כ'האָב געשוואָרן זיין פאַרקנאַפט
מיט די ווייטן ווייט פון גאַס,
דאָרטן איז מיין פלאַץ.

כ'האָב אנגעשטרענגט מיין בליק...

כ'האָב אָנגעשטרענגט מיין בליק און אים געוואָרפן
אין יענער אומבאַקאַנטער ספער פון צוקונפט.
און ווי די טויב, וואָס איז אומזיסט געלאָפן,
ער איז געקומען מיד פון וויסטע לופטן. —
דאָך איין פאַרלאַנג עס נעסטיקט אין מיין האַרצן:
איך וויל מיין קבר אייגענעם שוין זען.
אָט־דאָס איז דער פאַרלאַנג דער טיף־געגאַרטער,
וואָס איז געבליבן מיר פון לעבן־ברען...
און אָט — איך גיי אַרויף אויף דעם בית־עולם,
מיין קבר ליגט דאָרט אָן אַ זייט פון וועג.
דער גרויער שטיין אין שאָטן איז פאַרהוילן
פון שטומען קיפּאַרים, וואָס טרויערט זיינע טעג.
(און אויבן אין דעם רוים עס שפּילן שטראַלן,
די לופט איז צאַרט דאָרט און זי שמעקט מיט פרייד...)
פאַר „אים" בין איך אויף מיינע קני געפאַלן
און האַרציקע געוועזן זיינען רייד...
צום סוף האָב איך געקושט דעם גרויען שטיין
און אין דער ליידיקייט געגומען גיין.

כ׳וועל זינגען אַ ליד וועגן בוים...

כ׳וועל זינגען אַ ליד וועגן בוים.
אַ ליד וועגן אַ פאַרוועלקטן שאָטן
אָן גרינעם זאַפט
אַ בוים אָן אַ טרוים...
אָן צווייגן — ווי פליגל אין רוים,
אָן בלעטער, וואָס האָרכן דעם ווינט,
אָן זון און אָן רעגן־געשפּין.
כ׳וועל זינגען אַ ליד וועגן בוים
אָן אַ קרוין
און אָן וואָרצלען אַרונטער אין דר׳ערד,
אַ בוים — ווי אַ שוים
פון געווען, פון אַמאָל,
ווי איך — וואָס כ׳בין דאָ
און לאַנג שוין נישטאָ.

ווער בין איך, וואָס איך גיי...

ווער בין איך, וואָס איך גיי איבער די גאַסן,
מיט מיין איינציקן, מיין אויסזען
און מיטן שילדל אויפגעשריבן אין מיין האַרצן,
איך זאָל מיט קיינעם זיך פאַרטוישן?

ווער בין איך, וואָס איך בין ניט דו,
וואָס איך זע דיך ווי אַ פאָטאָגראַפיע
(דו מסתמא זעסט מיך אויך אַזוי) —
ווער בין איך — וואָס איך בין ניט דו?

דער נביא איז אַריינגעקראָכן אין זיין הייל...

דער נביא איז אַריינגעקראָכן אין זיין הייל,
זיך איינגעדעקט מיט פינצטערניש דער האַרבער.
גאָטס וואָרט האָט אים פאַרלאָזט און ער איז הויל,
און זיין מחשבה זאָגט: ס'איז צייט פאַר מיר צו שטאַרבן.
ווייל וואָס איז מיר דאָס לעבן אָן דעם פונק,
וואָס פלעגט אַרויסשלאָגן פון איינגעווייד מיינע
און אויפלייכטן אין האַרצן, ווי אַ זון,
דערנאָך דורך מיינע לעפצן אַלץ פאַרפלייצן און פאַרשיינען?

דער נביא איז אַריינגעקראָכן אין זיין הייל,
די וועלט פאַרוואָרפן. זאָל זי זיך געדייען.
פון טונקלקייט און טויט ער איז אַ טייל.
גאָטס וואָרט ער דאַרף שוין מער אין וועלט אַריין ניט שרייען.

פאַרוואָס פאַרשטייסטו נישט...

פאַרוואָס פאַרשטייסטו נישט אָט־די געהיימע שלאָגן
פון אַ האַרץ, וואָס עס פאַרצאַנקט אין עלנט
און ווען ס'פאַרגייט נשמה אין אַ ביטער קלאָגן,
ווי אַ הונט וואָלט וואָיעו אין דער זעלנע?

עס בלייבט דיר פרעמד, עס בלייבט דיר פרעמד דער טיפער טרויער,
וואָס צעשפרייט זיך פונקט אַזוי דער נעפל. —
וועל איך אַוועק צום ים דעם ווינטערדיקן־גרויען,
נאָר פאַר אים קען איך מיין ווײַ אַנטפּלעקן.

כ'וועל עפענען דעם פאָרהאַנג...

כ'וועל עפענען דעם פאָרהאַנג פון דער צוקונפט.
דעם קאָפּ אַדורכגעשטופּט און — וואָס איך זע!
אַ גרויע מדבר. נעפּלדיקע לופטן.
און גריבער שוואַרצע אָנגעפילט מיט פּעסט.

און טרויער — ווי אַ שוואַרצער רעגן,
פאַרפלייצט דאָרט יעדן פיצל רוים,
און ליידן — איז די בלום פון יעדער רגע,
מיין צוקונפט איז די וואָר פון ביין טרוים.

כ'וועל אַוועקגיין פֿון זיך ערגעץ ווייט...

כ'וועל אַוועקגיין פֿון זיך ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט,
הינטער גרענעץ פֿון וועלט, הינטער גרענעץ פֿון צייט,
וווּ קיין אָפּהילך פֿון לעבן עס טוט נישט דערגיין
און וווּ דורכזיכטיקדיק, ווי אַ טרוים, איז דער שטיין.
וווּ די שטילקייט זיך וועבט אויס אַ טעפּיך פֿון רו
און די איינזאַמקייט נאָר איז אַן עדות דערצו.
און נישט חברן וועל איך זיך מער מיט נאַטור,
נישט מיט הימל און נישט מיט דער ערד און אין שפּור,
כ'וועל באַפֿרייען זיך דאַן פֿון דער אייגענער זעל
און פֿון אַלע די קניפּ, וואָס מיך בינדן צו וועלט.

אַזוי ווי אַ דאָרן אין בליאונג...

אַזוי ווי אַ דאָרן אין בליאונג,
אַזוי איז דער טאָג אויך אין זון;
דאָס לאַנד איז אין זומער, אין גליאונג —
דאָס שלעכטס ווערט ניט בעסער דערפון.

עס קוקן אַראָפּ די שטערן
פון רואיקן הימל־געוועלב,
אויף בייזקייט, וואָס טוט זיך פאַרמערן,
אויף מענטשן מיט הערצער פון פעל.

די בייזע שטאָט ווערט באַוואַשן
פון צאַרטער לבנה־שיין,
דאָך גייט אום פאַרברעכן אויף גאַסן
און קומט אין מיין הויז אויך אַריין.

די לירע — זי איז דאָך באַשאַפן
צו שפילן פון פרייד און פון גוטס;
פאַר אַנדערע איז זי אַ וואפן...
פאַר מיר — פון די פיינען אַ שוץ.

עס לייגט זיך דאָך שלאָפן מיין ברודער
צוקאָפּנס מיט אייזערנער פויסט,
אַ גרייטע פאַר מינדסטן גערודער,
ווייל רו איז ניטאָ אין זיין הויז.

ווי זייפּנבלאָזן...

ווי זייפּנבלאָזן זיינען דאָך די טעג,
זיי פּלאַצן אין די אָוונטס
און אָן אַ שפּור זיי קומען דאַן אַוועק
אין עברס טיפע ראָוון.

צומאָל איך זע אַ שטאָט אין זייפנבלאָז,
אַ שטאָט מיט שיינע הייזער,
און מענטשן זע איך פיל, ווי גראָז,
זיי דרייען זיך, ווי ווייזערס.

און אָט איך זע אַ טרונע פירט מען דאָרט,
זי איז באַלייגט מיט בלומען,
און ווידער זע איך אין אַ צווייטן אָרט,
אַ נייעם מענטשן קומען.

מאַגנאָליע־ביימער האָבן זיך צעבליט
מיט צוויט, ווי די טולפּאַנען,
נאָר קיינער אין דער שטאָט באַמערקט זיי ניט,
זיי בלייבן אומפאַרשטאַנען.

איך זע עס שפּאַנט אַ יונגערמאַן אין גאַס,
מיט טראַכטונגען פאַרנומען,
און גייענדיק אַ ליד האָט ער פאַרפאַסט:
„ווו איז די פרייד אַנטרונען?"

אויף זייפנבלאָז איך לייען זיין געדיכט:
„ס'איז אָפּגעווייִנט פון פריידן
„דאָס האַרץ, — דאָס האַרץ, ווי טיפע הייל אָן ליכט
„איז פול מיט פּיין און ליידן".

און אָט קומט אָן דער לעצטער פון דער וואָך —
אַ זייפנבלאָז — אַ נול.
איך קוק און קוק און גאָרנישט זע איך דאָך —
מיט ליידיקייט איז פול.

מיין בליק איז געווענדט...

מיין בליק איז געווענדט צו דער ערד,
צו דער ערד מיט דעם שטאָטישן פלאַסטער —
אַזוי אַ פאַרהאָרעוועט פערד
גייט איין שפאַן און עס דריקן די לאַסטן.

איך פיל אויך אַ בייטש איבער זיך,
אָט דעם בייטש פונעם וואָכיקן לעבן,
וואָס שמייסט איבער ביינער און דיך
און עס בלוטיקן אַלע געוועבן.

— אַ ראַטעוועט, מוזעס, אַרויס
מיך פון שטיינערנעם טאָל פון די זאָרגן,
ווייל זעלע, מיין זעלע גייט אויס
פון דעם שטאָטישן ווירבל דערוואָרגן!

איך ליב דאָך אַזוי דאָס געזאַנג
פון די הייכן, פון ברייטן און טיפן —
נאָר דאָ הער איך ראָסטיקן קלאַנג,
ווי אַ שטיין וואָלט אָן שטיין זיך געשליפן.

מײַן היים איז אַצינדערט...

מײַן היים איז אַצינדערט די ליכטיקע שטאָט.
דאָס עלעקטרישע שײַן עס פֿאַרגוואַלדיקט די נאַכט.
איך ווײס נישט צי אויבן אַ הימל איז דאָ,
אַט דער הימל מיט גילדערנע שטערנדלעך וואַך.

די מענטשן, ווי גומענע קוקלעס — זײ אײַלן.
איך באַמערק נישט קײן פּנים, נאָר װײַסקײט אַ שטיקל.
אויף רעכטס און אויף לינקס נאָר זײ לויפֿן, ווי פֿײַלן,
אין פֿאַרשײדענע שטאָפֿן זײ זײַנען געוויקלט.

און קײנער פֿון זײ טוט נישט שענקען קײן בליק
אין דער ריכטונג אין מײַנער — ווי דאַנק איך דערפֿאַר!
און מיר איז אַלצאײנס — גײן אַט־דאָ, גײן צוריק.
ס'איז סײַ ווי דאָך קײן וועלט און קײן הימל פֿאַראַן...

כ'בין אַ שטילער, טונקעלער אוניווערס...

כ'בין אַ שטילער, טונקעלער אוניווערס,
אָן זונען־ליכט,
אָן שטערן־שיין,
אָן טאָג און נאַכט,
אָן ווינט־געוויל,
אָן ים־געריוש,
אָן ביימער־גרין —
כ'בין אַ שטילער, טונקעלער אוניווערס.
און בערג און טאָלן זיינען דאָ.
נאָר כ'זע זיי ניט.
איך פיל זיי בלויז.
זיי שווערן ערגעץ אין דער טיף.
זיי ציען זיך אַראָפּ אין תהום.
כ'בין אַ שטילער, טונקעלער אוניווערס.
און טיף איז ער.
נאָר טיף...

וואָס איז פאַראַן אויף דער וועלט?...

וואָס איז פאַראַן אויף דער וועלט?
מיין פיין איז פאַראַן אויף דער וועלט!
איז פייקט איר פייקער,
טאַנצט איר טענצער,
דריי זיך, דריי זיך
מיט התלהבות, קאַראַהאָד!
וואָס איז פאַראַן אויף דער וועלט?
מיין פיין איז פאַראַן אויף דער וועלט!

דער דיכטער

פֿאַר װעמען שרײַב איך מײַנע לידער?
פֿאַר װעמען גיט איך אױס מײַן פּײַן?
אַז אַלײן בין איך, אָן ברידער,
קײנער הערט זיך דאָך ניט אײַן.

ס'איז אמת אױך, אַז איך בין אײטל
און דורשט נאָך רום. אַזאַ מין נאַר!
נאָמען מײַנער זאָל זיך קלײדן
אין די שפּיצן — פּונקט אַ האָר.

איך װײס, איך װעל עס ניט דערגרײכן.
דער װעג צו דעם אָלימפּ איז צו.
ס'שפּאַרן זיך אַרױף צו הײכן
די אָדלערצניקע — ניט דו.

נאָר דאָך װעל איך מײַן ליד דערזינגען.
זאָל בלײַבן פֿון דער זעל אַ שפּור.
זאָל מײַן עכאָ זיך צעקלינגען
נאָך מײַן שװאַרצער טױט־פּור.

דער בלינדער מאַן

עס זינגט דער בלינדער מאַן
פון פינצטער האַרץ ארויס.
זיין שאָטנדיקע וועלט
אין ווייטקייט שפּרייט זיך אויס.

אַ טינט־פלעק איז די זון
אין טיפן הימל־תהום.
דער טאָג איז גלייך צו נאַכט,
די צייט — אַ שוואַרצער שטראָם.

ס'איז בעסער אים פון מיר,
וואָס כ'לעב אין וועלט פון שיין,
וואָס כ'זע דאָס רויטע בלוט
פון אומגליקלעכן היינט.

בין איך מקנא אים,
דעם זינגער פון דער נאַכט,
ווייל אַליך איז ריין פאַר אים
און אין אַ שוואַרצער פּראַכט.

אין חלום קומען מיר די שונאים...

אין חלום קומען מיר די שונאים
מיט בליקן פינצטערע און שאַרפע נעזער.
ס׳איז גאָרניט שווער אין זיי דערקענען
די גוטע פריינט, וואָס כ׳האָב און מיינע לעזער.
איך פיל, אַז איך פון זיי בין שוואַכער.
זיי שלאָגן מיך מיט בליקן פול מיט גאווה,
און איך — כאָטש פול מיט הייסער ראכע,
ליג איינגעקנוילט און טו זיי נישט באַווייזן.
דער טאָג, וואָס עפנט מיינע אויגן,
נישט קאָן מיט ליכט פאַרדעקן די געשפענסטער.
דערפאַר נאָר גיי איך איצט געבויגן,
ווי כ׳וואָלט צעווישן מענטשן זיין דער לעצטער.

מיט אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ...

מיט אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ
גיי איך איבער גאַסן.
ניט איך זע דעם טאָג,
נאָר — דעם גרויען פלאַכטער.
ווי אַ פערד אין שפאַן,
גאָרנישט - ניט געדענק איך.
כ׳בין אַ גייער סתם —
און אַזוי פאַרגיי איך.

די וואָלקנס דורכן הימל...

די וואָלקנס דורכן הימל
גלייכגילטיק פאַרוויִען.
אַזוי די טעג, די יאָרן,
אין דורכזיכטיקע רייען.

נאָר איך — מיין ביסל לעבן
איך בעכערל פון איצט —
דערפיל ביז ווייטיק, נאַגיק...
ביטער ווי מיר איז!

כ׳בין גלייך צו יענעם הונט...

כ׳בין גלייך צו יענעם הונט,
וואָס האָט פאַרגעסן שוין צו בילן.
כ׳וואַנדל אין פאַרצווייפלונג אום
און קען מיין ווייי ניט שטילן.

און ליג איך אין דער נאָרע
באַנאַכט — אויף פרעמדן פעלד —
ציטער איך פון בייזן חלום
און פון דער וואָר — די קעלט.

צו וועמען זאָל איך רופן?...

צו וועמען זאָל איך רופן אין מיין נויט?
צו דיר, אָ, גרויסער אויסגעשפּרייטער אַל,
וואָס דו ביזט ווייטער פון אַלע ווייטקייטן
און נענטער פון דעם נאָענסטן נאָענט,
וואָס מיין האַרץ איז אויסער דיר און אין דיר,
וואָס דו ביזט מיר פרעמד און פיינטלעך
און וואָס ביזט... איך אַליין.

שטאַרק אין נויט בין איך,
ווייל מיין נשמה איז צעלעכערט פון פּיין,
א פּיין, וואָס האָט וואָרצלען אין אַלע מיינע גלידער,
און איך קען איס ניט אויסרייסן,
ווייל דאַן וואָלט איך צעריסן מיין לעבן.
מיין לעבן — וואָס איז?
מיין לעבן איז אַ קראַנקער הונט,
וואָס וואַנדלט איבער שטאָטישע געמאַרקן,
אַ כטראַשידלע פון ווי צווישן מענטשן.
ווי איז מיר — מיין לעבן איז
אַ קראַנקער הונט.

כ'האָב אַריינגעקוקט אין שפּיגל...

כ'האָב אַריינגעקוקט אין שפּיגל
און מיין אָנבליק ניט דערזען,
אָן אַ פּנים בין געבליבן,
אָן אַ גוף און בלויז די זעל.
ווייל איך שפּילן אויף מיין פידל
זע איך — סטרונעס שוין נישטאָ —
שפּיל איך מיט די טויטע פינגער
איבער פּוסטן פידל־דנאָ.

אפשר דו...

אפשר דו,
אפשר דו,
שוואַרצאויגיקע,
אומעטפּנימדיקע,
שלאַנקפּיסיקע,
וועסט געבן זין
די טעג
די קריכנדיקע...
אפשר דו,
אפשר דו!

ווי לאַנג, מיין פריינד...

ווי לאַנג, מיין פריינד, ווי לאַנג
כ'וועל דאַרפן איינקנעלן מיט דיר
אַז אַלץ, דער גאַנצער אַל
געהערט נאָר דיר, נאָר דיר.

אַז ס'איז נישטאָ קיין שטערן
קיין בוים, קיין וואָלקן און קיין גראָז
וואָס דיר זאָל ניט געהערן —
אָ פריינד, פאַרנעמען זאָלסטו דאָס...

פון מיין פאַרצווייפלונג...

פון מיין פאַרצווייפלונג איז דער נייער מענטש אַרויס.
איך בין אַליין דער „נייער אַנדערער" געוואָרן;
אָ, מיין האמונקולוס, מיין טייערער פאַרשוין!
געזאַלבט האָט דיך די נויט, מיזעריע פון די יאָרן!
איך קוק אין דיינע אויגן און זע וואָס קיינער זעט:
זיי זיינען פון דעם טויט די אָפענע שפאַרונעס —
האמונקולוס, מיין ברודער, ס'איז אַ גרויסער חטא
צו טראָגן אין די אויגן ברעטעלעך פון טרונעס.

איך טראָג אַ שווערע משא...

איך טראָג אַ שווערע משא,
א משא פול מיט וואָג.
און כאָטש ס'פאַרנעמט קיין פלאַץ ניט,
דריקט עס מיך אַראָפּ.

דאָס לעבן אין מיין האַרצן,
אָט דאָס איז עס די וואָג.
מיין אָטעם איז די משא,
בערג — אַ יעדער טאָג.

איך גיי ארום צווישן מענטשן...

איך גיי ארום צווישן מענטשן,
אַ נאַר אויף דעם יאריד —
ריידן רייד איך רייד פאַרשעמטע —
איך קוק — און עפּעס בין איך בלינד.

איך האָרך וואָס גוטע לייטן זאָגן
און גלויב זיי ניט קיין וואָרט,
ווייל טיף ביי יעדן איז פאַרבאָרגן
זיין אמתע, געהיימע קאָרט.

עפנט אויף די אויגן, מענטשן...

עפנט אויף די אויגן, מענטשן!
זעט די רחבותן צעשפּרייטע!
אָן אַ גרענעץ איז די וועלט שוין,
פליינען ווייטע, פליינען ברייטע.
עפנט אויף די אויגן, מענטשן!
די אומענדלעכקייט צעפראַלט איז,
אַלע שאַלעכצן פון שטח
אָפּגעטרייסלטע צעפאַלן.
עפנט אויף די אויגן, מענטשן!
גאָט אַליין קומט אייך אנטקעגן
ווי אַ קוואַל פון די אָנעגדן
און באַליכטיקט אַלע וועגן.

כ'האָב אַרויסגעריסן פון דער קייט פון צייט...

כ'האָב אַרויסגעריסן פון דער קייט פון צייט — אַ רגע,
די רגע פון מיין לעצטן איצט, פון מיין לעצטן זיין.
כ'האלט זי שוין ביי מיר אין האַנט, כ'באַטראַכט זי און איך וועג זי,
מוטנע־גרוי איז זי, די לעבעדיקע רגע מיין!

— אָ זאָג נאָר, דו, פון מיין פּריוואַטער אייביקייט דער אַטאָם!
צי ביזטו גליקלעך?... זאָג, צי איז דיר ליב דיין עקזיסטענץ? —
שווייגט זי, נאָר איר לײדיקײט, איר לײדיקײט פּראַצט זי,
און פּוסטע טרערן־בלעזלעך קייקלען זיך אַראָפּ פון מיינע הענט.

אַזוי ווי אַ ווייסער אַקעראַייזן...

אַזוי ווי אַ ווייסער אַקעראַייזן,
וועט די צייט איבער דיר אַריבער.
ווי אַ טראָפּן טוי, וואָס האָט אויסגעדעמפּט,
— דאָס איז דיין לעבן, מיין ליבער.

און גאָרנישט וועט בלייבן אין זכרון
פון די טעג, וואָס דו ביזט דאָ געקראָכן,
ווי אַ מערעשקע צופוסנס פון די שטערן,
צווישן דעם נעכטן און דעם מאָרגן.

ס׳האָט יעדערער פון מענטשן...

ס׳האָט יעדערער פון מענטשן זיינע סודות,
זיי ליגן אין דעם אָפּגרונט פון דעם „איך"
און קיינעם אונטער זון מ׳וועט זיי פאַרטרויען
און קיינמאָל ברענגט מען זיי ניט אונטער ליכט...

צי זיינען זיי דער צייכן פון דעם יחיד?
ווייל יעדערער האָט זיין באַזונדער סוד,
וואָס איז אין דער נשמה איינגעפלאָכטן —
אַמאָל פלעגט מען אַנטפּלעקן אים צו גאָט.

און קיינער ליבט ניט אייגענער געהיימניש,
מ׳וויל ניט זען זי אויף דער אויבערפלאַך
פון דעם באַוווּסטזיין. זאָלן זיי זיך גיין דאָרט
אין לאַבירינטן פון דעם "איך", אין נאַכט!

נביא זימרי

נביא זימרי, נביא זימרי,
וואָס איז דיר דער מער?
— „כ'האָב פאַרלאָרן די נבואה,
איז מיר זייער שווער.

אין מיין גוף אַ העליש פייער
האָט געברענט אַמאָל,
אויסגעגליט אין מיר זיך האָבן
ווערטער פון קרישטאָל.

איך בין עס געווען דער נביא
פון דעם גאָט יהו,
די פאַרלאַנגען זיינע אַלע
ווי אַ לייב צעברומט.

הייך בין איך געווען און טרוקן,
ווי אַ זאַנג אין אָב,
אויגן מיינע — פולע קרויגן
ביטערניש און שטראָף.

ווי דער שאָטן איז מיין ווירדע
נאָכגעגאַן נאָך מיר.
קראַנץ פון כבוד און פון ברכות
האָט מיין קאָפּ באַצירט.

אויך ווען שונאים מיינע האָבן
קעגן מיר געהעצט
און מיט שטיינער מיר באַוואָרפן
האָט דער נאר, דער ליץ,

איז עס מיר געווען צום האַרצן,
זאָלן זיי! אלצאיינס,
ווי דער בוימל אויפן וואַסער,
וועט דאָס וואָרט באַשטיין!

דאָך האָט מיר דאָס פאָלק פון מענטשן
אין געהיים געאַכט
פאַר מיין וואָרט וואָס האָט געצונדן
שרפות אין דער נאַכט.

היינט בין איך אָן גאָט פאַרבליבן,
עלנט און אליין,
ליידיק איז מיין קעל געוואָרן,
טרוקן ווי אַ ביין.

כ׳בין שוין ניט אָט־יענער דאָרן
אייביק אויפגעפלאַמט,
כ׳בין אַ צווייגל אָפּגעבראָכן
פון אַ בייזער האַנט.

כ׳בין צו שאַנד מיין אייגן לעבן,
נישטיק פאַר מיין גוף,
זאַמד אַ הויפן די נשמה,
שווער בין איך געפרוווט.

רוף מיך מער ניט „נביא זימרי״
„זימרי מת״ מיך רוף.
כ׳טראָג קיין וואָרט אין די געדערעם,
כ׳טראָג די נאַכט אין גוף״. —

אין דרויסן טריפט אַ רעגנדל...

אין דרויסן טריפט אַ רעגנדל,
טריף־טריף — ווי ווייך און מילד!
ס'איז נאַכט. די שטאָט באַוועגט זיך ניט,
אין כמאַרעס איז פאַרהילט.

אַ טאָג געווען פון ביטערקייט,
נאָר ביז האָב איך געהערט.
ס'איז וועלט אַן אויפגעשיטערטע
פון בליאסק און קלאַנג פון שווערד.

אַ סטרונע דאָך אַ דינינקע
באַוועגט זיך אין מיין ברוסט —
דאָס רעגנדל, דאָס זינגיקע,
האָט אַלץ, האָט אַלץ פאַרטושט.

ניט זיכער בין איך מיט דעם טאָג...

ניט זיכער בין איך מיט דעם טאָג,
וואָס גיסט זיך פון מזרח, ווי מילך,
די נאַכט שווערט אַראָפּ מיט איר וואָג
פון הימל אָן שטערן - געהילך.
ניט רויִק קאָן איך מיט דער רו
פון ים דעם אַנטדרימלטן־צאַרט.
און אויג מיינס פאַר אַלעם איז צו,
פאַר פרילינג, וואָס וועלט אים דערוואַרט.
די נאַקעטע ביימער, ווי הענט
אין פּיין און אין ווייִ אויסגעשטרעקט,
זיי ריידן צו זעלע פאַרקלעמט,
צו זעלע — אַ קבר פון שרעק.

...און אלע וואָס ווינען אין טאָל

...און אַלע וואָס ווינען אין טאָל פון דער שטאָט,
געגליכן זיי ווערן צום פינצטערן קראָט,
וואָס ליבט נישט דעם „אויבן", די שיין און דאָס בלוי.
דאָס „ברויט דאָס אַלטעגלעך" איז שימל און גרוי.
זיי זאָגן: מיר קומען נישט לויבן די וועלט,
נישט שפּיגלען מיר קומען אין ליכט זיך, דעם רוים
מיר פילן נאָר אָן מיט דעם רויש, ווי מיט געלט,
און דאָס איז דער איינציקער ריכטיקער לוין...
ווי עלנט, ווי עלנט דאָס פייגעלע איז,
ווען ס'זינגט אוים זיין ליד ערגעץ־ווו אויף א פּלויט.
ווי עלנט, ווי עלנט דאָס דיכטערל איז,
וואָס עפּנט זיין זעלע ביים גראָבן פון קויט.

ווען ס'ווירט אין מיר אויף דאָס געזאַנג...

ווען ס'ווירט אין מיר אויף דאָס געזאַנג
און ציטעריקע פינגער זוכן דאָס פּאַפּיר,
צו לאָזן שטראָמען ריטמישן געקלאַנג
פון וואָרט, וואָס קומט פון ברוסט דער פולער און וויברירט,
דאַן פרעג איך: קען אין שמוץ אַנטשטיין דאָס ליד? —
ווייל אומעטום איז קוויטיק-גרוי און פול מיט מיסט
און ס'זינקען נ'באָדן קלעפּיקן די טריט —
ווי קען די שיינקייט וואַקסן אין אַן אָרט אַ וויסט?

איך וועל אַריין...

איך וועל אַריין אין שענקל
און נעמען זיך צום ווייַן,
ביזוואַן אין ברוסט ביי מיר,
וועט אָנקוועלן מיט שיין.
און די נשמה מיינע
אַרויף וועט אין די ספערן,
זיך וואַשן מיט דעם גלאַנץ
און שימער פון די שטערן.

דער היינט איז אַ זון פון דעם נעכטן...

דער היינט איז אַ זון פון דעם נעכטן:
צוויי מענער פון לאַנגווײַלער ראַסע.
דאָס מענטש־פאָלק, ווי אייביקער קנעכט, איז
פאַרנומען מיט מאָלן דאָס וואַסער...
דער טאָג איז צעטיילט אין דריי טיילן:
פאַר אַרבעט, רכילות און שלאָף.
דער שלאָף און רכילות — ווי ווייל איז!
אַ פּלאָג איז די אַרבעט דאָס רוב.
ס'איז לייכטער אַ העלד זיין אַ רגע
מיט טאַט אַזאַ גרויסער פאַר דורות —
ס'איז שווערער זיך וועקן אין בעקן
פון שעהן די טויזנטער גרויע...

אַ גליק וואָס דער הימל איז קיינעמס...

אַ גליק וואָס דער הימל איז קיינעמס,
און ליבן די שטערן מען קען ניט פאַרבאָטן.
און ס'האַרץ האָט אויך רעכט און ס'מעג וויינען,
ווען זעלע מיט אַש איז פאַרשאָטן.
דער נאַר ווען ער זעט מיין געשטאַלט,
ער לאכט מיר אַריין אין דעם פּנים,
אָט־ער איז דער האַר און ער האַלט,
אַז איך בין ניט ווערט קיין איין פּאָדים...
איז ווידער אַנטלויף איך צו זיך —
וווּ דען זאָל איך גיין אין אַ צרה?
ווען טויזנטער זאָגן, אַז איך
געדירט זאָל גאָר זיין — ווי די וואָר איז...

ניט מיין, אַז מיין זעל איז אַ גיהנום...

ניט מיין, אַז מיין זעל איז אַ גיהנום,
א הייל מיט אַ פינצטערן חלל,
אַז מ'דאַרף מיך באַדויערן ווי קיינעם,
וואָס טרעט אין די שטאָטישע טאָלן.
אָ מענטשן, איך זאָג אייך — איר נאַרט זיך!
אַ זון אין זיך כ'טראָג אַ צעגליטע,
אַ לייטער פון שטראַלן אין האַרצן,
וואָס פירט צו די בלאָע זעניטן.
עס קומען צוגאַסט צו מיר ווינטלעך,
זיי רופן מיך: דו אויסדערוויילטער! —
די ליבע געזעלשאַפט איך ווינטש אייך,
זיי זיינען אי צאַרט און אי איידל...

עמיצער האָט שוין מיין לעבן געלעבט...

עמיצער האָט שוין מיין לעבן געלעבט
אין עבר אין טיפֿן אויף זעלביקער ערד.
איבערגעקרייצט זיינע טעג, ווי די טרעפּ,
צום סוף אין דעם קבר אַריין — און ניט מער.
דורות, ווי פּעדערן, וועלן אַדורכלויפֿן לייכט,
דערנאָך ווי מיין אויג וועט געשלאָסן שוין זיין.
אייביק וועט טראָגן אַזוי זיך דער טייך
פֿון מענטש, און ווי היינט, וועט מען וועגן דעם פּיין.
העלדן־נשמות — אויך זיי זיך צעווייען אין ווינט.
אַ ווינט איז דער חלום פֿון אומשטערבלעכקייט,
איינער ז׳דער גורל פֿאַר מענטשן און הינט
און אַלע מיר קומען אויף צאָן פֿון דער צייט.

צו די לאַגערן פון מיסט...

צו די לאַגערן פון מיסט
כ'וועל גיין,
מיך לאָזן דאָרט באַשמוצן.

און אין דער נאָענטסטער טיר
פון גוטע פריינט —
כ'וועל אָנקלאַפּן.

וועט מען זאָגן —
כ'זאָל אַריין,
וועל איך אַריין אַ שמוציקער.

וועל איך זאָגן:
— ווער עס וויל זאָל טאָן אַ שפּיי,
אָדער... זאָל אַ קוש טאָן!

כ'בין געגאַנגען צו דעם בוים...

כ'בין געגאַנגען צו דעם בוים
ער זאָל מיר זאָגן, וואָס ער קלערט:
צי האָט ער אין זיין האַרץ אַ טרוים,
צי איז אים לייכט, צי איז אים שווער?

ער עסט די שטראַלן פון דער זון
און טרינקט די זאַפטן פון דער ערד,
און אַז דער ווינט נעמט אים אַרום,
טרייסלט ער — און גאָרנישט מער...

איך טראָג אַ האַרץ אויף מיין האַרץ...

איך טראָג אַ האַרץ אויף מיין האַרץ,
פאַרוואָס עס איז געוואָרן בלינד און טויב,
פאַרוואָס עס ווייטיקט ניט,
פאַרוואָס ס'איז ניט באַצערט,
פאַרוואָס עס בליט ניט אויף אין פרייד,
פאַרוואָס ס'איז שטום
און האָט שוין ניט קיין רייד.

און גראד בין איך געוואָרן דורשטיק נאָך געזאַנג,
דער פערז זאָל קומען, ווי אַ רייפע זאַנג,
און אין בינטלעך, ווי די סנאפּעס אויפן פעלד,
זיי זאָלן מיר באַגאלדענען מיין וועלט.

כ'האָב גערופן צו די געטער...

כ'האָב גערופן צו די געטער,
ר'וויל אַ צייכן פון זיי זעה.
אויב זיי לעבן אויפן הימל,
אויב זיי זיינען ווירקלעך דאָ,
אַ באַשאַף פון בלוט און פייער
און מיט חכמה אָנגעפילט,
וואָס פאַרשטייען אַלע ווערטער
און דאָס האַרץ ביי זיי איז גרויס...

זאָל זיך אָפרופן כאָטש איינער
פון די אַלע, וואָס אַמאָל
מיט אַ שטאַרקער האַנט געקעניגט
איבער פעלקער אָן אַ צאָל —
זאָל עס זיין אַרויס פון דאָרן
אָדער גאָר פון זון אַראָפּ,
צי פון באַרג אָלימפּ, אין דונער,
צי פון ים־געברויז — נעפּטון.

כ'דאַרף אַ גאָט פאַר מיינע יאָרן,
פאַר די טעג, וואָס איך פאַרשווענד —
ער זאָל פירן מיך אין לעבן
צווישן ליכט און פינצטערניש;
ער זאָל זאָגן — וואָס איז זינדיק,
וואָס איז פרום און וואָס איז גוט
און פון שלעכטס מיין טריט זאָל מיידן,
בענטשן מיך און מיין געזינד.

כ'רוף די געטער נאָכאַמאָל:
— וואַרפט אַראָפּ צו מיר אַ צייכן!
א מזבח כ'וועל פאַר אייך,
ווי מיין עלטערזיידע, בויען.
טויבן ווייסע וועל איך שעכטן
און די יינגסטע פון די שאָף.
און מיט הייליק בלוט באַשפּריצן
כ'וועל דעם קרבן וואַרעם נאָך...

כ׳נעם אָן...

בנימין סקודיצקי — געווידמעט

ביִיג איין דעם קאָפּ, מיין פריינט,
און זאָג:
כ׳נעם אָן, כ׳נעם אָן
די ביטערניש פון זיין,
די וואָג
פון פּיין,
דעם טאָג
אָן שיין.
כ׳נעם אָן, כ׳נעם אָן
אַ וועלט אָן הימל,
אָן גרעזער, בוים — די ערד,
כ׳נעם אָן אַ לעבן
אין אַ גליווער־דרימל
און אָן געוויין
און אָן אַ טרער
כ׳נעם אָן, כ׳נעם אָן
וואָס עס זאָל ניט זיין.

8־טער אויגוסט, 1956

דער מאָרגן...

כ'וועל זינגען אַ ליד וועגן מאָרגן...
אָ, עפן זיך טאָג פון פרייד!
פאַרטרייב פון מיין בליק די וואָלקנס,
לאָז קוועלן פון האַרץ נייע רייד!

אַ נייער גרין אויף די פעלדער,
די ביימער אין שפע געקרוינט.
דאָס ליכט פון דער זון איז אויך העלער
און בלוי ווי דער ים איז דער רוים.

די ערד פונדאָסניי איז געבוירן.
דער מדבר אויך גרינט און איז ליב.
די חיה אין וואַלד טוט ניט לויערן.
אין דזשאָנגל אַ וועג זיך ציט.

באַנאַכט ווינקען שטערן פון הימל,
ווי גילדערנע פרוכט, אין דער הויך.
די נאַכט אַליין איז א הימן
דער טאָג — אַ געזאַנג, וואָס לויכט.

דער ים, צווישן זוניקע ברעגן,
אין אייביקער ליד זיך פאַרוויגט.
דער ווינט, אויף פאַרבאָרגענע וועגן,
איז א פויגל מיט לופטיקע טריט.

פֿון ווייטן איך זע אויך דעם מענטשן,
מיין זון, וואָס איך האָב געלאָזט.
דער נייער דור — איך דערקען אים.
ער גייט און גאָר אַנדערש דער טראָט.

ער איז אזוי שפּיליק און זיכער.
די אויגן — סאזשלקעס צוויי
פֿון ליכט. — איז עס ער, צי — נישט ער?
אַ מענטש — אינגאנצן אָן וויי.

אַ צווייטער מיט אים און אַ דריטער.
ביי יעדן דאָס האַרץ אין בליק.
און אלע אינײנעם — אַ מיטן...
און אַלע — פֿאַר יעדן אַ בריק.

אַ לויב צו מיין וויזיע, געלויבט זיי!
דער מענטש און די וועלט זיינען דאָ!
דער טאָג ווי אַ ציטיקע טרויב איז —
גוטמאָרגן דיר — הללויה!

בלאָנדזשעניש

דער בראָדער זינגער

כ'בין אַמאָל געווען א פיינער ייד,
האָב איך ליב געהאַט צו קוקן אויף די שטערן,
און אין דער פינצטערניש צו גיין אַליין איז מיר געפעלן
איבער נאַכטיש־פאַרחלומטע פעלדער.

דערנאָך האָב איך ליב־באַקומען ספרים,
פאַרן געדאַנק די לופטיקע בלעטער.
און איך האָב געלערנט פון גאָט און אַלע טייוואָלים,
און דאָס האַרץ האָט געפילט זיך געזעטיקט.

דערנאָך, יאָ, דערנאָך — האָב איך געקוקט אויף די מענטשן.
יעדעס שטריכעלע אויפן פנים, יעדער בליק,
איז אַ נייע תורה מיר געווען.
און דאָס האַרץ איז געוואָרן באַלעזן.

דערנאָך (דאָס לעבן איז אַ קייט פון דערנאָכן...) —
האָב איך געוואָלט דערגיין צום שטיין פון יושר.
און איך בין דערגאַנגען צו וואָס? זאָגט אַליין...
ס'איז ניט יושרדיק צו זוכן דעם יושר און ס'איז ניט שיין.

בין איך אַוועק צו דער ליבע (ווו קען גיין אַ מענטש אין אַ נויט?) —
האָט מיר די ליבע געזאָגט: ליבע איז אַ טייערער ענין, מיין טייערער
קוצעמוציענו דו,
ליבע דאַרף גילדערנע צירונג, ליבע דאַרף זיידנס, —
און די איבעריקע זאַכן, שיינע ווערטער, זיסע רייד,
דאָס לייענט מען ארויס פון די ביכלעך, הארצעניו, דו. —

בין איך מיר געוואָרן — דאָס איז מיין גליק —
אַ בראָדער זינגער... זינג איך מיר פריי פאַר אַלעמען
וועגן גלעזעלע ביטערן טראָפּן, אַז געזונט זאָל עס זיין!
יידעלעך, טרינקט אַ גלעזעלע און נאָך איינס און נאָך,
און משיח וועט קומען צוגיין.

איך טו זיך אָן דאָס קראַוואַטל...

איך טו זיך אָן דאָס קראַוואַטל
און צווישן מענטשן קום איך;
כ'בין אויסערלעך אַ גלאַטער...
אָבער אין האַרצן, אין האַרצן וואָס טוט זיך?

איך טו זיך אָן דאָס קראַוואַטל,
דעם כאַאָס צו באַהאַלטן,
דעם תהום געדאַנקען - טאַטן
און ווונטשן — וועלט, שאַקאַלן.

איך טו זיך אָן דאָס קראַוואַטל,
און גיי זיך מיר שפּאַצירן,
נאָר אונטער מיין שטילן שוואַרצאַפּל
גליען די ווילדסטע קאָלירן.

איך טו זיך אָן דאָס קראַוואַטל,
און כ'בין שוין גלייך צו אַלע,
מיט אַ מאַסקע אויפן האַרצן
ווער איך ווו פאַרפאַלן.

לילית

אַ שמייכלדיקע ווי אַ ליליע — לילית —
די שענסטע פרוי, וואָס כ'האָב דערקענט.
די ברוינע מאַנדלאויגן — ווי זיי בליען,
דאָס לייב — אַ יונגביימל אין בלענד.
די אָרעמס — שלאַנגען צו פאַרצוקן גרייטע,
די לענדן — גלייך ווי אויסגעשניצט
פון אַלאַבאַסטער, אויסגערונדיקט־איידל,
פון העלפאַנדביין — די הירשנפיס.
צוויי קנאָספן מיט אַ פרילינגסטוי באַצויגן
די בריסטן אַף דעם שטאַם פון גוף,
דער נאָפּלבעכער אין דער מיט געוויגן —
אינגאַנצן ביזט — אַ ליבע־רוף.

אין שווערע טעג, ווען איינגעדריקט דאָס האַרץ איז
און שוואַרצער פון דער ערד די הויך
זעט אויס — אין דער נשמה הענגען כמארעס,
אין טאָג אַזאַ האָסט אויפגעטויכט,
אָ, לילית, טאָכטער דו פון גאַסן־נעפּל,
פון דאָרנפלאַנץ דער העלער צוויט,
א ליכט פון טיפעניש, פון אונטערלעבן,
אַ צניעותדיקע שיין — פון זינד.
און איך — די פרויענשאַפט אין דיר געזוכט האָב,
אַ טרייסטונג אין דער שווערער וואָר.
דיין אנדערש־זיין — ווי איז פאַר מיר אַ וווּנדער,
אָ, שענסטע פון דעם פרויען־דור!

אין אָנפאַנג פון דיין נאַקעטן דערשיינען
(געוויגט זיך אויף די הויכע שיך),
האָב איך געמיינט — ווי אַשמדאַים אויך דיינע
זיינען פויגלשע די טריט.
ווייל שרייאיק איז דיין לייב, דו ביזט ניט חווה,
קיין שטילע ווענוס — אויבעט נישט.
דו ביסט די נעץ פאַר הייליקע און בראַווע,
דער שטן פון דעם פרויען־מין.
די קעניגן פון אַלע זינדערייען,
דיין קאַמער איז אַ נעסט פון לוסט.
אַ פריידיקע דו גרייטסט זיך צו פאַרוויילן
פאַר גוץ... און אויבעט סתם... אָן נוץ.

כ'האָב איר געפרעגט: ווי קומט צו דיר דער שמייכל
און זיסע טענער אין דער שטים,
אַז אינגאַנצן ביזט אַ זינדיק היכל,
אַז אַלץ אין דיר איז לוסט און זינד?
צי האָסט ניט אויסגעלערנט די גרימאַסן
און אויסגעשולט אַזוי דעם טאָן?
צי קען פאַר אַזאַ איינער מילדקייט פאַסן
און אַ געזאַנג אין יעדן וואָרט?
— אָ, ניין! — האָט מיר די זינדגעטן געענטפערט —
פון האַרצן זיינען מיינע רייד.
אפילו אין מיין חלום קענסטו טרעפן
שמייכלען מיינע ליפן פרייד...

דער יונגער גראַף טאָלסטאָי

ס'איז רהבותדיק די ערד אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ.
דאָס מעריב־ווינטל וויגט די ברייטע פעלדער ברויט.
אין אָוונט־שעה באַזאַם מיט שאָטן זיינעם שפּאַנט
אין זיך פאַרטאָן דער יונגער גראַף לעאָן טאָלסטאָי.
דער מילדער דעמער ווייעט ראָזע אומעט־כוואַליעס,
דער ערשטער שטערן פינקלט שוין אַראָפּ צום לאַנד.

ס'איז טרויעריק דער גראַף, אַ טרויער ניט צום מעסטן,
עס שווערט אין האַרץ אַ באַרג, אַ פעלזיקער געוויכט.
די יונגשאַפט זיינע און די ברייטע שיינע וועלט,
די זוניקייט באַטאָג און אויך דאָס אָוונט־ליכט,
ווען סטאַדעס שאָטנדלעך די לעצטע שטראַלן לעשן,
ניט קענען פון זיין ברוסט אַרויסברענען די קעלט.

אויף שוואַרצע פערד קומט אָן די נאַכט פון אַלע זייטן,
די טלאָען פון דער מחנה יאָגן אָן קיין קלאַנג,
זיי טרעטן איבער אים — דעם דיכטער פון ראַסיי,
וואָס וויל פון טאָג אַוועק, פון לעבן... פון געדאַנק...
און עפענען פאַר זיך אַ לאַנד פון נייע ווייטן...
אַ שווערע כמאַרע האָט דעם הימל אָפּגעטיילט.

עס וואַנדערט אום אין נאַכט דער אומגליקלעכער נביא.
זיין רייכטום און זיין טיטל פאַלן אים צו לאַסט,
אַן אָפּשטאַמלינג איז ער פון דורות בלויען בלוט.
די ליבע און דער ווײַן — אַ פאַלשער לופט־מיראַזש,
דער מענטש דער נאַקעטער — אין עלנט איז פאַרגראָבן.
פון ביטערניש און פּיין — ער פילט אויף זיך די רוט.

און יעדע פלאַנץ, די בלום — איז ניט מער אים באַשאַפן.
ס'איז גלייכגילטיק צום מענטש די ערד און אויך די זון.
און גאָט אַליין, אויב ער איז דאָ, איז מיד פון אַלץ...
פון זיך... און פון זיין זיין אין אייביקן אַרום.
אַזוי אין פינצטערניש פון נאַכט אין זיין געלאַף האָט
דער דיכטער אויסגעשטראַלט דימיונות... טונקל... קאַלט...

עס לעבערט דורך די הייך קאַזבעק דאָרט אין קאַווקאַזיע.
דעם קאַזאַק און טשערקעס באַוונדערט אין אַ בוך,
אַף שלאַכטפעלדער פון קרים — אַליין געשטרעקט אַ שווערד,
דערנאָך אין „סעוואַסטאָפאָל" אויסגעזונגען רום.
און שוין — דער קינסטלער איז שוין מיד פון דער „פאַנטאַזיע",
„אַ פעלשונג איז דאָס בוך און איז די טינט ניט ווערט!".

וואָס זאָל דער דיכטער טאָן, אַז אַלץ איז אים דערווידער?
אַראָפלאָזן דאָס צינגל פון זיין יעגער־ביקס
אויף זיך, ווי אויף אַ וואָלף, וואָס יאָגט זיך נאָך זיין טאָג? —
אַזוי וועט ער דעם טרויער שטעלן אויף די קני —
אַדיע דעם גראַף, אַדיע דער וועלט, די הייך און נידער!
צי איז דאָס ניטזיין ערגער פון דער לעבנסוואָר?

נאָר אויך דאָס ניטזיין איז אַ לעבערלעכער ענין!
דער גאָרנישט און דער גאָר — אַ זייפנבלאָז אין תוך!
איז ווו זאָל גיין דער מענטש... אָווו?... די נאַכט איז טויב —
פון מזרח שלייכט די ערשטע שיין פון נייעם טאָג,
דער מאָרגנשטערן, ווי דער האָן, רופט אויס באַגינען,
אַ ווינטל האָט צעשמייכלט זיך מיט פרישן לויב.

עס פֿאַלט די ראָסע אויף די אויסגערוטע פֿעלדער,
דער רייטוואָגן פֿון זון וועט אָניאָגן ביים ראַנד
און עפֿענען אַ טויער אין דעם האָריזאָנט — — —
נאָך טרויעריקן חשבון איז איילעקער דער גאַנג
פֿון דיכטער. אַ געפֿיל אין אים גייט אויף, אַ העלקייט,
ער ווייס נאָך ניט דעם זין, פֿאַרשטייט ניט וואָס עס זאָגט.

ער לויפֿט... ער לויפֿט... און אָט ער איז שוין אין זיין צימער.
דער לאַנג־פֿאַרלאָזטער שרייבטיש. עלנט ליגט די פֿען.
אַריינגעשליידערט זיך אין שטול און ווידער פֿליסט
דאָס לעבן. ס׳קוועלט אַ וועלט פֿון וואָרט און אויך דער מענטש
גייט אויף פֿון שורות, שפּראָצנדיק אַזוי פֿון דימיון,
ווי יונגער גרין פֿון שוואַרצערד אין דעם פֿרילינגסברי.

און די קאַרעניִנאַ — זי רופֿט אַרויס דעם גורל
אין אַ געפּעכט פֿאַר ליבע אירער און פּאַסיאָן.
קוטוזאָוו דער איינאויגיקער מיט שטאַרקן האַרץ
אַנטקעגן שטעלט זיך דעם באַרימער נאַפּאָלעאָן.
און פּיער בעזוכאָוו שפּרייט אַרום זיך מילדן טרויער.
מיט צעפּלעך די נאטאשא, אף איר ליבסטן וואַרט.

קאַטיושאַ מאַסלאָווא, פֿאַראומגליקט און פֿאַרלאָזן,
אין קייטן ווערט געשמידט, (אין וואָס איז דען איר שולד?) —
— — — אַזוי האָט זיך טאָלסטאָי אין מענטש אַראָפּגעלאָזט,
געקנאָטן ביכער פֿאַר דער וועלט, פֿון פֿלייש און בלוט.
אַנטלויפֿנדיק פֿון זיך — צו אַלעמען דערלאָפֿן,
צו מיר, צו דיר און צו די דורות אָן אַ סוף.

קלעזמערל, מנגנדל...

קלעזמערל, מנגנדל,
שפּיל מיר אויף אַ ניגונדל,
אַ ניגונדל פון גאָרנישטזיין:

— „דער קעניג האָט אויגן געהאַט,
האָט אויגן געהאַט,
האָט ער געקוקט און געקוקט
באַטאָג און באַנאַכט
און האָט גאָרנישט געזען,
גאָרנישט געזען.

„דער קעניג האָט פיס געהאַט,
האָט פיס געהאַט,
איז ער געגאַנגען, געגאַנגען
באַטאָג און באַנאַכט
און אין ערגעץ ניט
און אין ערגעץ ניט
דערגאַנגען איז ער.

„דער קעניג האָט אַ מויל געהאַט,
אַ מויל געהאַט,
האָט ער געגעסן, געגעסן
ביז ער איז געוואָרן פעט
און איז פאַרשוווּמען אין שמאַלץ,
פאַרשוווּמען אין שמאַלץ.

„דער קעניג איז געשטאָרבן נאכהער,
געשטאָרבן נאכהער,
האָט מען אים באַגראָבן אין דר'ערד
און א מצבה אויף אים
האָט מען אַ גאָלדענע געשטעלט,
אַ גאָלדענע געשטעלט."—

קלעזמערל, מנגנדל,
שפּיל מיר אויף אַ ניגונדל,
אַ ניגונדל פון גאָרנישטזיין,
פון טרויעריקן גאָרנישטזיין.

יוחנן איז אַ בעל־תשובה געוואָרן...

יוחנן איז אַ בעל־תשובה געוואָרן,
אָט דער יוחנן, אָט דער יוחנן!
הויך, גאָר צו הויך איז דער בחור פֿאַרפֿאָרן,
אַריבער די וואָלקענעס, אַריבער די וואָלקענעס.

„אָן מיר איז נישטאָ" — פֿלעגט ער זאָגן — „קיין וועלט,
ערשט אַ קלאָר ווערט קלאָר אין מיין אויג,
און אַלץ וואָס איז דאָ, דאָס האָב איך דאָך באַשטעלט,
באַשטעלט בײַ דעם גרויסן, נישטיק־גרויסן תהו ובוהו" —

איז ער געגאַנגען דער יוחנן, דער יוחנן,
מיטן קאָפּ הויך־פֿאַריסן — אַ געטלעכער בושל,
באַווייליגט דערפֿילן אַ ווינטל — אַ לופֿטיקן הינטל.
געקושט די אייגענע פּיאטעס, די געטלעכע פּיאטעס,
מיט ערפֿאַרכט געזונגען זיך הללויהס:
אָ! מיין יוחנן, מיין האַר איבער האַרן!

און היינט? וואָס איז מיט דעם בחור?
נידעריק ווי גראָז איז ער מיר געוואָרן,
ער גייט... אַזש עס כאַפּט־אָן ביים האַרצן,
אַזאַ טרויער פֿון אים, ווי אַ שטראָם זיך צעלאָזט.

— צי ביזט עס דער זעלבער, יוחנן, מיין פריינד?
נו, שענק מיר אַ בליק, מיין געפּאלענער זון!
ווער האָט עס מיט ביטערניש דיין האַרץ דיר פאַרפּיינט?
מיין יוחנן, מיין יוחנן!

און יוחנן? — ער רעדט:
„אַ מענטש, — וואָס איז אַ מענטש?
אַ גראָז איז אַ יש,
אָבער אַ מענטש? — וואָס איז אַ מענטש?"
און זיין קול איז ווי פאלנדיקער שניי,
רואיק און קאַלט.

דער לעצטער טאָג פון סאָקראַטעס

פאַרטאָג איז דער וועכטער אַריין אין דער קאַמער,
געבויגן דעם קאָפּ און אין טרויער געמורמלט:
— סאָקראַטעס, זיי מוחל, אין „שעה פון פאַרגאַנגען"
וועסטו... ווען דאָס ליכט וועט צעגיין אין דער לופטן...

און מער האָט דער וועכטער געהאַט וואָס צו זאָגן.
קסאנטיפּע — די פרוי, מיט די דריי אירע קינדער,
(דער לעצטער אַ מאַן שוין... די אַנדערע — קלאָגן...)
זיך האָבן געטוליעט צו טאַטן דעם „זינדער",

וואָס וועט זיי פאַרלאָזן שוין היינט מיט דער שקיעה.
די פרוי רייסט די קליידער אויף זיך און דאָס פּנים:
— איך וועל אים ניט לאָזן פאַרגיין... מיין באַצירונג...
אַ מיתה אויף זיי — די אומזיסטיקע שונאים...

„נו, קינדערלעך, ווייב מיינס," — טרייסט זיי סאָקראַטעס —
„כ'בין אַלט שוין סיי־ווי... און אַ מענטש לעבט נישט אייביק.
און קריטאָן — מיין תלמיד — וועט זיין ווי אַ טאַטע
צו אייך... און דער משפּט פון מענטשן איז הייליק" — — — —

אַ רואיקער גייט איצט אַרום אין דער קאַמער
סאָקראַטעס. די בלאַנק־ווייסע טאָגע פאַרוואָרפן
אַריבער דעם אַקסל. די באָרד אַ צעקאַמטע —
אַזוי די תלמידים אים האָבן געטראָפן.

דער שיינער פּעדאָן, מיט די גאָלדענע לאָקן,
ער קען ניט פאַרשטיין די „גדולה” פון לערער:
— צי איז דען דער טויט ניט אַ זאַך צו באַקלאָגן,
דער טרויער — צי איז ניט פאַר שעה פאַר דער שווערער? —

— זיי מוחל מיר, לערער, פאַר רייד, וואָס כ'וועל זאָגן:
דער משפּט איז אומרעכט, אַזוי אויך דער אורטייל...
אַצינד אָבער האָסטו פאַרדינט אַ באַשטראָפונג...
ווער טאַנצט עס אַנטקעגן דעם טויט, ווי אָט דו איצט? —

האָט אָנגעקוקט זיינע תלמידים, סאָקראַטעס:
— איך דאַנק דיר, פעדאָן, פאַר די רייד פונעם האַרצן;
כ'האָב יאָרן ניט-ווייניק געלעבט (כאָטש געמאַטערט),
מיט זון אָנגעפילט אָט דעם גוף דעם ניט-צאַרטן,

דו ווייסט דאָך — כ'האָב חכמה געזוכט אויף די גאַסן,
און אַלץ, וואָס געלערנט — צעקייט מיט די ציינער,
דערפון איז מיין שכל געוואָרן אַ נאַשער...
געוואָלט וויסן מער... און אַ לערער — ניט איינער!

„סאָקראַטעס” — געזאָגט האָב איך דעמאָלט — „אין אַטען
דער שטאָט, צווישן דיכטער אַזויפיל און דענקער
ניט פאַראַן איז קיין גלייכן צום זון פון דיין טאַטן!” —
מיין צונג איז געוואָרן מיין אייגענער הענקער.

און דאָס, מיינע פריינד, איז געשען — ניט אויס גאווה...
אַצינד, מיין נשמה — גיי אויף צו די געטער!
איך גלויב, אַז אַמאָל וועט זי אויפלעבן ווייטער...
דער מענטש ווערט געבוירן אי פריער אי שפּעטער...

און דאָ האָט דער װעכטער געבראַכט אים דעם בעכער.
אַ לײמענער כוס מיט אַן אױפקריץ — „געזעגנט!" — —
אַ לעצטער געשטראַל שטײגט העכער און העכער...
װערט פּלוצים פאַרלאָשן... און ס'בליט אױף אַ שטערן.

נאַרצים

ס׳איז שיין געווען דער מענטש נאַרצים.
אַ ליכטיקע געשטאלט.
אַ וואונדערלעך באַשאַף.
די גלידער אויסגעשניצט,
דער קאָפּ — אַ קרוין.
די ברעמען לאָקן שימערירן אין דער זון.
די אויגן — קוואַלן צוויי פון ליכט.
דאָס מויל — אַ גראַם פון פלייש און בלוט.
און פליסנדיקע פערזן — דאָס געזאַנג פון שטים.
„ווי שיין בין איך” — האָסטו געזאָגט.
און ליב געהאַט האָסטו צו שפּיגלען דיין געשטאלט
אין סאזשלקע פון רו, וואָס האָט געגליווערט
אין אַ חלום־טרוים.
אַ לעגענדע איז דערפון געווירן,
אַז דו האָסט זיך פאַרקוקט אַזוי אין וואַסער,
ליבנדיק דיין אייגענע געשטאַלט,
זיך אַ בויג געטאָן און אין טיפעניש אַראָפּ
אויף אייביק.
פון דיין געשטאַלט איז ווי אַ זכר נאָך דיין וועזן
אַ פלאַנץ אַרויסגעוואקסן,
וואָס מען רופט זי אָן „נאַרציס”...

נאָר דו האָסט נאָר געלעבט.
געזען דאָס ערשטע קנייטשל אויפן פּנים.
געזען די ערשטע גרויע האָר.
דערפילט, אַז עפּעס איז דער מער מיט דיינע גלידער;
דאָס לעבן און די יאָרן האָבן אויפגעשריבן
עפּעס נייס, ניט־פריידיקס אויף דעם וואונדער
פון דיין גאַנץ געשטאַלט.
און דו האָסט זיך דערשראָקן:
„צי בין איך עס נאַרצים?"...
און דאָס ביזטו געווען.
דער אייגענער. דער זעלבער.
דער הימל איז אזוי ווי אין דעם טאָג פון זיין געבוירן.
אַזוי דער טאָג. אַזוי די נאַכט. אַזוי דער ווינט.
אַזוי דער ים.
אַזוי דאָס וואַסערל, וואָס נעבן דיר,
נאָר דו האָסט מורא איצט צו שפּיגלען זיך אין אים.
און ס'ווייַנט דיין האַרץ, וואָס איז געבליבן יונג,
אויף דער שיינקייט פון דיין וועזן,
אויפן ליכט פון דיין געשטאַלט.

סאָנעט פאַר מיין קליינער פריינדין יודיט

אַן איילבערט־צווייגל האָב איך אויף מיין וועג געפונען,
מיט סאמעטענע ברוינע פירות גוט צום גומען. —
אָ, יודיט, קליינע חנעוודיקע פריינדין מיינע!
דיין לייב — דאָס מילדע צווייגל, אויגן — סאַמעט־שיינען.

איך קלער: אָט־אויך צו מיר קען גוטער גורל קומען!
אָנשטאָט די טרויער־ווייען, נאַ־דיר ליבע־בלומען!
דער אַלטער הימל — גרויער מדבר פון די פיינען,
פאַרוואַנדלט זיך אצינד אין רויזנצוויט פון תענוג.

מיר זיינען ביידע שוין געוואָרן איינס — איניינעם,
דעם ווין פון די נשמות אויסגעמישט אין בעכער,
ווען אלע גלידער דורשטיק אין עקסטאז פאַרגייען.

געלויבט זיי ליבשאַפט אין אַלע צייטן, אַלע וועלטן!
אָ, קליינע יודיט, פון אַלץ און אַלעם ביזטו העכער!
דו קומסט — און ווי אין צויבער, פאַנגט אַלץ אָן צו העלן.

רפאל מאַנדלצווייג — ברודער מיינער!

ס׳איז הויל געוואָרן מיין וועלט,
ברודער מיינער!
ווען דער שוואַרצער פּיסק פון דעם טויט
האָט דיך פאַרשלונגען.
ביזטו געווען,
ברודער מיינער!
אַ טרייסט אין די לאַנגע שעהן פון מיין עלנט
און מיין זעל האָט זיך געפרייט מיט דיר,
ברודער מיינער!
ס׳איז גוט געווען צו גיין זייט ביי זייט
און שווייגן...
הארכן דאָס לעבן... ווי עס זינגט אין אונדז,
ברודער מיינער!
דו האָסט דיין חלום געקנאָטן
דורך פאַרבן און ליניעס;
דיינע פינגער אָ, דיינע פינגער!
זיי האָבן געהאט דעם אומרו
פון סקולפּטאָר...

אַ וועלט האָסטו מיט זיי אויסגעפורעמט,
אונדזער וועלט,
די וועלט פון אונדזער פאָלק,
וואָס מיר ליבן, ליבן, ליבן...
אָ, מאנדלצווייג!
ווי אַזוי זאָל איך נישט וויינען?
ווי אזוי זאָל אין טיפעניש פון מיין האַרץ
זיך נישט אויפוויקלען אַ שוואַרצער טיול? —
אַז ווי דאָס ליכט,
ביזטו מיר פאַרגאַנגען,
פאַרגאַנגען, פאַרגאַנגען
און וועסט זיך שוין נישט אומקערן.

12־טער יולי 1956

דיאָגענעס

אַ באָרוועסער, די רויטע באָרד צעפּלאָסן,
עס איילט דער אַלטער דיאָגענעס אַ היים.
דער האַרבסט־ווינט האָט אין פּלייצע אים געבלאָזן
און אויסגעפּרירט אין אים זיין אַלט געביין.
אַ בליץ האָט אויסגעציקלט פייער־צייכנס
און אויף אַ רגע אויפגעהעלט אַ זייל
אין טעמפּל פון דעם פּאָטער־גאָט — צעוס,
וואָס גליווערט מיט זיין אויסגעשטרעקטער פייל. —
ס'איילט דיאגענעס אַ היים, צו זיך אין פעסל.
אַ גאַנצן טאָג האָט ער די לייטן אָפּגעשטעלט,
געלערנט: — נאַקעטקייט איז גאָר אַ בענטשונג,
אַז הונגער איידלט אויס דעם מענטשנס זעל
און אַז דער אמת דאַרף נישט קיין פּאַלאַצן
און אַז דער מענטש אַליין איז „עפּעס" ווערט, —
דאָס האַרץ ביי אים איז ווי אַ שטאָט מיט גאַסן,
אין דער נשמה לעבט אַ גאַנצע ערד.

אַצינדערט איז ער מיד פון די גערעדן —
דאָס וואָרט איז גוט ווען ס'קלינגט פאַר זיך אַליין,
אין טיפעניש פון דיינע אינגעווייד,
אין שטילקייט פון דיין רו און דיין געוויין...
און אזוי אין בליצנדיקן שמועס
מיט דער נשמה וואָס זי לעבט אין אים,
איז ער צו זיין באַרימטער היים געקומען
און פלינק אריין — לויכטנדיק און גרינג.

דער רויטהאָריקער מאַן קאָלאָמבוס

דער רויטהאָריקער ים־מאַן קאָלאָמבוס
האָט פאַרענדיקט דעם חשבון פון זיינע טעג:
אין פיל לענדער בין איך שוין געוועזן,
די האָריזאָנטן האָב איך אַלע אין מיין ברוסט,
די חכמה וואָס איך האָב געלערנט
איז פאַרן האַרץ ניט קיין פרייד, ניט קיין לוסט.
די ליבע איז אַ בלויער מיראַזשל,
נאָר די רישעות איז האַפטיק און וואָר.
כ'האָב קינדער פון מיין לענד אויפגעצויגן
און זיי וועט שוין פירן זייער גורל...
איז וואָס האָב איך דאָ נאָך צו טאָן?
צו זען ווי עס דרייט זיך די זון
אַריבער דעם באַרג, אין די טאָלן? —
איך בין מיד שוין, מיד שוין דערפון.

דער רויטהאָריקער מאַן קאָלאָמבוס
איך צום מלך אַוועק: — גרויסער האַר!
כ'וויל דעם רעשט פון מיינע טעג פאַרשענקען
אין דינסט פון דער אומבאַגלעכקייט אַליין:
פון ים־אָקעאַנוס — דעם פאַרבאָרגענעם ברעג
אַרויסציען וויל איך פאַרן מענטש.
אפשר וועלן עס זיין די אינדיעס,
לענדער מיט בשמים גאָר רייך,
ווייל די ערד איז נאָך אַלעמען רונדיק
און ערגעצווו וועל איך דאָך אַריין. —

האָט מען אויסגערופן אין ברייטן מאַרק:
— „מענטשן, פאַרצווייפלטע, ווער איר זייט,
וועמען דאָס לעבן איז איבעריק ביז גאָר
און וואָס פאַרמאָגן ניט מער ווי דאָס לייב —
מיט דעם מאַן קאָלאָמבוס אויב איר ווילט
אויפן בלינדן וועג פון ים
זיך לאָזן מיט די זעגלשיפן דריי —
ווייל די ערד איז נאָך אַלעמען רונדיק
און ערגעצווו וועט מען אַריין...״

עס קייקלט די זון זיך איבערן הימל,
די שטערן צעקרישלען די נעכט,
און איבערן ים די שיפן,
ווי פאַרלאָרענע זיפצן פון דער ערד,
אַראָפּ און ארויף — איבער די כוואַליעס,
וואָס האָבן קיינמאָל געאַנט
אויך דאָ דעם מענטש צו טרעפן — — —
און דער מעריב איז פאַרשלאָסן ווי שטענדיק
און אַ פעסטונג איז — דער בלויער האָריזאָנט.

אַ סך זונען זיינען שוין אַריבער,
די לבנה — דריי מאָל האָט זיך געטוישט,
אויפן הימל גאָר אַנדערע שטערן,
זיי זיינען אַזוי שרייאיק און גרויס,
די לופט איז אויך אַנדערש פאַרן אָטעם,
נאָר דער זעלבער, דער זעלבער איז דער ים.

פּראָמעטיי

פּראָמעטיי איז אין קייטן געוואָרן געשמידט.
— פּראָמעטיי, פּראָמעטיי!
און אַ וועכטער, אַן אָדלער — יעדן קער זיינעם היט.
— פּראָמעטיי, פּראָמעטיי!
גיט אַ ריר זיך דער העלד, קומט פון פויגל אַ פּיק.
— פּראָמעטיי, פּראָמעטיי!
אין דער לעבער דעם שנאָבל — אַ פּליק און אַ פּליק.
— פּראָמעטיי, פּראָמעטיי!
און דער העלד — פול מיט כוחות — אין רוים אַריין שרייט,
— פּראָמעטיי, פּראָמעטיי!
אַזש עס ציטערט דער הימל, עס ציטערט די ווייט.
— פּראָמעטיי, פּראָמעטיי!
— „איך בין קראַנק פון דעם שטורעם ביי מיר אין דער ברוסט,
— פּראָמעטיי, פּראָמעטיי!
„ווי אַ קוואַל וואָלט געשלאָגן מיט ברויזיקער לוסט,
— פּראָמעטיי, פּראָמעטיי!
„און ער קען ניט אַרויס און דאָס האַרץ ווערט מיר ענג,
— פּראָמעטיי, פּראָמעטיי!
„איך וועל שטאַרבן פון כוח, פון קראַפט כ׳וועל פאַרגיין...״
— פּראָמעטיי, פּראָמעטיי!

אַלעמענס וועלט...

אין דער צווייטער העלפט פון מיין לעבן...

אין דער צווייטער העלפט פון מיין לעבן
גיב פרײדיקייט מיר און מיין דור!
אַ ליכטיקייט אויף אַלע ערדישע וועגן
און אין זוניקער שיין יעדן אָרט!

ווייל שווער זיינען געווען מיינע יאָרן
און די טעג פון דעם גאַנצן פאָלק:
אין בלוטיקן וואָגן געפאָרן
איז דער מענטש — אין ווי און אין קלאָג.

אַלס קינד — אין נויט און אין צאָרן,
אַ יונגערמאַן — און די וועלט איז אין אש,
און וואָס איז פון מיין היים געוואָרן? —
אַ מצבה בין איך אויף מיין גאַס...

און די הימלען זיינען דאָך גוט צו געניסן,
די בלויקייט איז אַ האָניק פאַרן אויג,
דער געדאַנק אָטעמט מיט וויסן
און גליק קען דאָך זיין פולער סטויג.

זייט מוחל מיר, אַלע מיינע טויטע,
פאַר מיין הונגער נאָך פרייד און נאָך גליק,
אייער אָנדענק וועט ביי מיר ווי ברויט זיין
און יעדן טאָג וועלן מיר טוישן אַ בליק.

כ'וועל ניט לאָזן די הערשער פון די פעלקער
צו הויבן אַ שווערד קעגנאַנאַנד:
מיין תפילה קומט פון אַלעמענס העלדזער,
ווייל די גאַנצע וועלט איז מיין לאַנד!

אין דער צווייטער העלפט פון מיין לעבן,
פאַרייניק אַ האַרץ מיט אַ האַרץ!
די זון האָט דאָך ווארעמקייט פאַר יעדן
און דאָס אויג איז ביי יעדערן צאַרט.

אָ, גיב מיר כוח אין מיין קעל, צו זינגען...

אָ, גיב מיר כוח אין מיין קעל, צו זינגען
פון בליענדיקן פרילינג אין מיין דור,
פון נייער צייט אין אָרעמאַלד־רינגען
פון פיילן זון — איילינקע, וואָס שפּרינגען,
ווי הירשן איבער פעלדער פון קאַיאָר;

אַז ס'זאָל די פּליט פון האָריזאָנט צעשאלן
אין אַלע זייטן פון דער ליכטיקייט:
דער פרידן און דער פרילינג! — צוויי ווערטער — שטראַלן,
אין אונדזער מיט, ווי בליצן זאָלן פאלן
און אויסברענען מיט שיין די שווערע צייט.

פון קינדערוויז אָן אין פיין געווען געבונדן
אין געסעלעך פון יידישן קוואַרטאַל,
די אָרעמקייט — ירושהדיקע וונדן,
האָט פלעמעלעך פון קאַמף אין אויג געצונדן,
פון טרוימען איז דאָס האַרץ אַ קלאָרער קוואַל.

נאָר טרוימען זיינען טריף פאַר די באַגנעטן.
די אָרעמקייט — דאָס איז פאַר אונדז צו פיל...
דער הונגער און דער טויט — די צוויי זיך וועטן,
אַז קיינער זאָל פון געסעלעך זיך רעטן,
אז אונדזער אָטעם זאָל פאַרבלייבן שטיל.

ביז ס'איז פון געסעלעך נאָר אַש געבליבן,
דער דינער אַש — אַ מאָלצייט פאַרן ווינט.
אַ פרעמדע ליידיקייט האָט זיך פאַרקליבן,
זי קען דאָך ניט דעם אָרט דעם נאַקעט־טריבן —
האָט זי מיט גליווער־פעדים אים פאַרשפּינט.

און מיך — דער בלויזער צופאַל האָט פאַרטראָגן,
אַ זעמדל, ביי דעם צווייטן ברעג פון ים,
אַז עמיצער זאָל בלייבן צו באַקלאָגן,
אויף לעבנס ניט־דערלעבטע קדיש זאָגן
און אויך... אַף שפּייז פאַר נייעם קריג מסתם.

דערפאַר איז ווי אַ קראַטער מיין נשמה,
וואָס שליידערט פייער־האַס צו יענע לייט,
וואָס בריען אויס די שפּאַרבערן די טמא
און האָדעווען די נעגל אויף פאָגראָמען
און פרייען זיך: דער טויטן־רייטער רייט!

כ'בין איינער פון אַ גרויסן שטאַם, ביים לעבן,
אין זיך — פאַרלאָשענע אַ ים פון טעג
פון מיין משפחה... דאַרף איך זיי פאַרוועבן
אין אָטעם פון דער וואָר... אַ תיקון געבן...
ווייל איך בין אַלע... היט איך דעם פאַרמעג.

דערפאַר איז אָנגעגליט אַזוי מיין גומען.
עס שרייט דורך מיר אַ פאָלק, וואָס איז פאַרגאַן.
מיליאָנען לעפצן דורך מיין קעל עס ברומען:
פאַרשעלט דעם קריג, דעם רשע פאַר זיין קומען,
די קראָ דערקען וואָס שפּילט פאַר דיר אַ שוואַן!

און ליכטיק אויס פון אונדז אַ נייעם אָטעם,
אַ נייע לופט באַשאַף און שפּרייט זי אויס
אויף פעלקער און אויף לענדער, דו בן־אדם,
אַז אונדזער אָפּגעהאַקטער רויטער פאָדעם,
זאָל זיך צעבליען אין אַ זונען־רויז!

דער אוצר פון זכרון

ווי גרויס איז דער מהלך פון דעם הויז!
ער האָט געשלענגלט זיך אַזוי זיגזאַגיש
דורך עלנט פון די קינדערישע טעג,
דורך שטורעם פון דער יוגנט אין איר וואָגן...

די אַלטע טעג, ווי שיפן אויפן ים,
פאַרלאָזענע אויף הפקרדיקע שטראָמען,
אָן רודערער און אָן אַ קאַפּיטאַן,
זיך טראָגן אָן פון די זכרון־תהומען.

און אַלטע הימלען לעבן ווידער אויף,
און בערג און טאָלן,ביימער, טייכן בלאָע,
זיי לייכטן אין דער דורכזיכטיקער לופט,
און ער, דער מענטש אַזאַ ווי איך, איז דאָ אויך;

און ס'קומען אָן פון אַלע זייטן וועלט,
פון אַלע זייטן דורכגעלעבטן לעבן,
די פריינד פון אַלטע טעג, און קיינער פעלט —
די טויטע זיינען דאָ, און די, וואָס לעבן...

און יעדער שפּיגלט זיך אין אנדערנס בליק,
פון אַלע בליקן ווערט אַ העלער קרענצל
פון פריינטשאַפט, ליבע, יוגנט, גליק —
אַ שיינענדיקער רינג פון אַלע מענטשן. —

ווי גוט, ווי גוט עס איז אין שווערער צייט
אַן אוצר האָבן אין זכרון־טיפן!
אַן אוצר, וואָס איז גאָרנישט אין פאַרגלייך
מיט גאָלד און זילבער, הייזער, בריוער, שיפן...

כ'האָב לענדער פיל באַטראָטן...

צום אויפקום פון מדינת ישראל

כ'האָב לענדער פיל באַטראָטן,
אַלערליי היכלען געזען;
אויף הפקר, אויף פרעמדע באַראָטן,
א „גאַסט" בין איך געווען.

די ערד איז באַשאַפן פאַר אַלע,
צו געבן אין שפע די זעט;
די זון שיקט אַראָפּ אירע שטראַלן
פאַר יעדן אויף אונדזער פּלאַנעט.

נאָר ניט פאַר מיר, פאַר דעם יידן,
דעם גייער פון לאַנגן וועג;
די ערד פאַר מיין פוס דעם מידן,
זיך גליטשט אַרויס ביזן ברעג.

צו וואָס זיינען באַשאַפן כלבים?
צו בילן אויף דעם ייד אין זיין גאַנג!
און איך האָב געדאַרפט נאָך באַצאָלן
פאַרן בילן יעדן הונט לויט זיין ראַנג.

כ'האָב שטראָמען בלוט פאַרלאָרן
אויף יעדן פונקט פון דער ערד;
אַוו עס וואַקסט נאָר אַ דאָרן,
איז ער מיט מיין מאַרך גענערט.

עס לעבט אין מיין דמיון אַ וויזיע
דורך דער קייט פון די לאַנגע טעג:
מיין וויג איז געשטאַנען אין מזרח,
מיין שטיבל — ביים ירדן־ברעג.

אַהין וועט מיך טרעפן דער מאָרגן,
מיך — דעם הונדערטסטן דור;
איך טראָג אין מיין אַלטקייט פאַרבאָרגן
דעם צווייט פון אַ נייעם קאַיאָר.

1948

פינף ברידער זיינען מיר געווען...

פינף ברידער זיינען מיר געווען
און איין שוועסטער,
דער עלטסטער — חיים זלמן בער,
און עלציק — דער לעצטער.
די איבעריקע דריי — לויט דער ריי:
יאָשקע, העניך און צמח.
דאָס מיידל — די יינגסטע פון אַלע,
אונדזער שוועסטערל עטל —
איז געווען ווי אַ קוועלבל,
אַזוי שפּילעוודיק־לויטער
מיט אַ זינגעוודיק קולבל.

פינף ברידער זיינען מיר געווען
און איין שוועסטער.
חיים זלמן בער האָט געקעמפט פאַר די מענטשן,
געוואָלט זיי באַפרייען פון נויט און פון קייטן.
יאָשקע האָט געשפּילט אויפן פידל,
דעם יידישן צער פון די סטרונעס געצויגן.
העניך האָט ליב געהאַט טעאַטער
און געשפּילט „האָצמאַך איז אַ בלינדער"
און צמח — איז אַוועק טריקענען די זומפּן אין „ארץ".
און דאָס שוועסטערל עטל — מיטן צעפּלדיקן קעפּל,
איז אַ לערערין געוואָרן
ביי די יאַטלעך פון קינדערגאָרטן.
עלציק — דער ווילדער באָק אין דער משפחה —
האָט געשריבן פערזן און אָפּגעטאָן צעלאָכעס.

פֿינף ברידער זיינען מיר געווען
און איין שוועסטער.
אלעמען האָט דער מערדער אויסגעקוילעט,
געבליבן בין איך נאָר — דער לעצטער.
אפֿילו צבות, וואָס איז ווייט געווען פֿון דעם אומגליק,
איז שוין אויך אַ שוכן־עפר.
אויף זיין נאָמען וואַקסט אַ בוים אין א וועלדל.
די אַנדערע האָבן אפֿילו נישט קיין קברים,
זיי זיינען געוואָרן אַש און שטויב און ליכטיקער גאָרנישט.

פֿינף ברידער זיינען מיר געווען
און איין שוועסטער —
האָבן מיר געהאַנדלט מיט ביינער און ציינער.
אַלע זיינען זיי אויסגעשטאָרבן,
בין איך געבליבן איינער און — איינער!

שרה בת-טובים פון ווילנע

אין ווילנע דער שטאָט, אין די יידישע געסלעך,
ווער שלייכט דאָרט אַרום צווישן ברוכשטיין און גריבער,
אַלטמאָדיש, אין קליידער פון צייטן פאַריבער?
— ס'איז שרה בת־טובים — די מוטער און שוועסטער,
און זי איז די איינציקע „לעבן" געבליבן.

פון שטענדיק זי קומט ערב־שבת אין הויפן,
איר ברכה פאַרשפּרייטן אויף יידישע שטיבער,
צו איינגעבן שמחה אין האַרץ פון דעם טריבן,
צו בענטשן די קינדער — דעם ליכטיקן הויפן
פון געטלעכע שפּראָצן — צו וואַקסן, צו בליען!

יאָרהונדערטער פירט זיך אַזוי אָט די טאָכטער
פון געטאָ — די הייליקע צנועה בת־טובים.
צי איז זי פון „דאָרטן"? און איר נשמה — פון „אויבן"?
ווער ווייסט? — זי קומט! מיט דעם דופט פון איר ברכה
אין אַ וואָלקן פון גוטסקייט — אויף אייביק צום לויבן.

אין טאָג פון דעם גזר, ווען דער דייטש האָט געמאָלן
די יידישע גלידער מיט אייזערנע קאַמען,
און קינדערלעך שלמהלעך, מיט טאַטע און מאַמע,
געשליידערט ווי זשוויר און אויסגעגלייכט טאָלן
באַ ווילנע דער שטאָט, מיט די לעבנס נאָך וואַרעם,

אָט דאַן האָט אַ מלאך פון גאָט, אין די הימלען,
געשטעלט זיך אין וועג, אויף די לופטיקע שוועלן,
פון שרה בת־טובים די שטאָט צו פאַרשטעלן,
עס זאָל איר נשמה פון פיינען ניט גרימען,
איר ליכטיקער אָטעם עס זאָל ניט פאַרפעלן...

ווייל גאָט איז דער גייסט פון דער פרוי און איז טהור.
ווי זילבערנער שפריי איז בײַ איר די מחשבה —
צי קען מען דען לאָזן אַזאַ אויף די ראָוון
פון בלוטיקן ווײַ, פון חיהשן צאָרן?
דערפאַר איז דעם וועג איר אַ מלאך פאַרלאָפן.

...און היינט — ס'איז אריבער דאָס גרויסע געוויטער,
אַ וואָלקנדל בליקט אַף צעאַקערטע פעלדער,
(די ערד איז באַפרוכפּערט פון בלוט פון די העלדן).
און שטיל איז... עס גליווערט אַ ווייטיק פאַרביסן,
אַ שווייגן־געשריי פון געשאָכטענע העלדזער.

אצינד, אין דער שעה, אין איר גאָרנישט־ניט וויסן,
עס איילט אין דעם לופטיקן שוועבן די רייגע,
די העלפּערין טרייע פון ווילנער געמיינדע,
מיט טרייסט אין איר האַרצן, מיט זיסן געוויסן —
צו העלפן, צו בענטשן, צו גלעטן די קליינע.

נאָר ווו איז די אייביקע עדה פון ווילנע?
נאָר חורבות און שטיינער, און גריבער און גריבער.
— רבונו של עולם, דו האַרציקער, ליבער —
ווו זיינען די יידן, און ווו איז דיין שכינה?
צי בין איך די איינציקע לעבן געבליבן?

ס'איז שטיל אין אַרום, נאָר שאָטנס זיך קלייבן,
און איינער אַ שאָטן איז שוואַרצער, איז טיפער,
ווי אין שטיין אויסגעהאַקט מיט אַ שטאָלענעם גריפל — — — —
— אָט דאָ וועל איך, האַרציקער פאָטער, פאַרבלייבן,
און זאָל אונדז דיין ברכה צוזאמען פאַרוויגן.

ציגיינער

ווער פאַרט אויף די זאַמדיקע וועגן
פון וועלדל אַרויס און אַריין,
דורך פעלדער צעוויגטע מיט ליין,
אין זוניקע טעג און אין רעגנס,
ווער פאַרט עס, ווער זאָל עס דען זיין?

עס קומען משפּחות ציגיינער,
אין בוידן פון ווינטן פאַרגעלט,
זיי ציען דורך אַלעמענס וועלט;
און ס'גייען די פערדעלעך פיינע,
געמאָסטן די טריט, וואָס מען שטעלט.

אַזוי גייט אַ פאָלק דורך די יאָרן.
די דורות — זיי טוישן זיך אָפּ;
דער עפּל פון בוים פאַלט אַראָפּ,
ווען זאַפטיקער קנאָספּ איז באַוואָרנט...
און ווייטער געפאָרן — האָפּ־האָפּ!

ביז עפּעס אַ שטעטל דערזעיגן,
די בויד ווערט פאַראַנקערט אין דר'ערד,
ווי שיף וואָלט פון ים אומגעקערט.
און שוואַרצע עס גלאַנצן די אויגן
ביי מענטשן און זייערע פערד.

די פרויען — אין פאַרביקע קרעלן,
די מענער — אין שטיוועלעך שיין,
און ס'שטראָמט אַזאַ וואַרעמער חן
פון זיי, ווי פון רעמבראַנדס געמעלן,
און טאַנצן זיי — דרייט זיך דער פליין.

אַ גליקלעכע צוקונפט פאַר אַלע...
אין קאָרטן געפינען זיי אוים:
אַ חתן וועט ברענגען די טויז,
און מלכה פון צלם — אַ כלה,
אויך בשורות זיי זאָגן פארויס.

אין אָוונט ביים גליאיקן שייטער,
אין קרייז זיצט דאָס גאַנצע געזינט.
אַן אַלטער זיין ניגונדל שפינט,
אַ ליד פון אַ העלדישן רייטער,
און ס'הערט אוים די מאַמע און קינד.

ווי שיין זיינען פאַלמעס און צעדערס,
אַ ווערבע ביים טייך רירט דאָס האַרץ,
אַ פאָלק, איז עס בלאָנד, איז עס שוואַרץ,
צי וווינט עס אין שטעט, צי אויף רעדער,
איז הייליק זיין פרייד און זיין צער!

נאָר ווייי איז צו אונדז, וואָס מיר לעבן!
צו זון, וואָס זי האָט עס באַטראַכט!
אויף וועגן, די בוידן פאַרמאַכט,
צום דייטשישן אויוון זיך שלעפן,
געניוט פון דער טייוולשער מאַכט — — —

עס שרייען די דורות פון עבר,
די צוקונפט אויך מורמלט פאַרשטיקט:
„אווו איז דאָס פאָלק, אונדזער בריק
פון צייטן אין צייטן געוואָרפן?"
און ס'ענטפערט דאָס אַש מיט אַ בליק...

אַ לעצטער ראָמאַנס

עס זיינען געקומען די העקער אין וואַלד,
אין היימישן וואַלד ווו די פייגעלעך זינגען;
אַ האַק און אַ האַק — די שפּענדעלעך שפּרינגען,
אַ בוים נאָך אַ בוים זיך צערוישט און עס פאַלט.

עס בלאַנדזשעט אַ לעצטער פאַרלאָרענער שטראַל
אויף דעבער פון געטאָ — אַ גילדערנע סטרונע —
און אונטן — אין געסל דער ענגער ווי טרונע,
אַ פּאָרל באַטראַכט אָט־דעם זעלטענעם פאַל.

דאָס פּאָרל — אַ מיידל פון קוים פופצן יאָר,
דאָס ייִנגל איז עלטער פון איר מיט אַ פרילינג.
אין מיט פון דער שחיטה — פון ליבשאַפט אַ בליאונג,
אַ לעצטער ראָמאַנס פון פאַרשניטענעם דור.

איין אָטעם ביי ביידן, איין ווילן, איין טרוים,
איין פונק אין די לייבער, וואָס גליט דורך די פינגער;
און טיף אין די ברוסטן — דער אייביקער זינגער
פון ליבע, פון לעבן, — דער אייביקער בוים.

עס שיט זיך פון הימל אַראָפּ שוין די נאַכט,
פון אייגענעם הימל, פון פרעמדן געלעסטערט,
ווי פינצטערער ברונעם — אַ תהום איז דאָס געסל,
און אָנגעפילט איז עס מיט טויט ביזן דאַך.

דער קלעזמער

אין מײַן שטעטל, אויף ייִדישער גאַס,
אָנגעשפּאַרט אין אַ חרובער וואַנט,
שטייט דער קלעזמער און פירט מיטן בויגן.

פון זײַן פידעלע — הויל ווי דאָס האַרץ,
ברומען טענער פאַרצווייפלט־פאַרגאַפט
און זיך קאָלערן איבער די הויפן.

דאָס איז יאָשקע דער פידלער. אַמאָל
האָט זײַן ניגון געצונדן די פרייד
אויף גרויסאַרטיקע שמחות און בעלער.

און מיט גאָלדענע רענדלעך געצאָלט
האָט מען דאַן פאַר דער לופט, וואָס ער שענקט,
פאַר די כוואַליעס מוזיק, פאַר די העלע.

נאָר אַצינד — רק ער וויינט, רק ער וויינט.
אַ געוויין גאָר אָן טרערן... אַ ווײַ...
פון דער טיפקייט אַרויס אַ געשריי — — — —

אין מײַן שטעטל, אויף ייִדישער גאַס,
אָנגעשפּאַרט אין אַ חרובער וואַנט,
שטייט דער קלעזמער און פירט מיטן בויגן.

דער פעניקס-פויגל

דער גרויסער פעניקס־פויגל פליט
פון איין עק וועלט ביז צווייטן.
ער שטייגט ארויף ביז צום זעניט,
די זון וועט ער דערגרייכן.

ער מעסט מיט פליגלען אוים די וועלט,
דער צפון און דעם דרום.
נישטאָ קיין באַרג, נישטאָ קיין פעלד,
וואָס ער האָט נישט באַשאָטנט.

דער איינציקער פון דעם באַשאַף
וואָס קיינמאָל איז געבוירן.
קיין פאָטער האָט ער נישט געהאַט
און אייביק וועט ער דויערן.

די לייט פון סדום איז ער פאַרהאַסט
פאַר אייביקייט פאַר זיינער.
אַ שאַרפע פייל פון גיפט — אין האַרץ
זיי שליידערן אַריינעט.

— „דער פעניקס־פויגל איז שוין טויט" —
זיך פרייען די רשעים.
ער פליט שוין נישט אין פרייען רוים,
די פליגלען אָפּגעבראָטן.

געבליבן איז אַ הויפן אַש
פון גאַנצן אייביק לעבן.
נאָר קוים אַ שעה איז דורכגעגאַן,
דאָס אַש הויבט אָן צו יערן.

און ס'ווערט אַ פויגל פונדאָסניי
מיט פליגלען אויסגעשטרעקטע.
ער הויבט זיך אויף און אין דער ווייט
ער ציט אן אויפגעוועקטער.

דער גרויסער פעניקס־פויגל פליט
פון איין עק וועלט ביז צווייטן.
ער שטייגט אַרויף ביז צום זעניט,
די זון וועט ער דערגרייכן.

אַ פרילינגס־ליד אין האַרבסט

ס׳איז מערץ, ס׳איז מערץ — עס גייט צו האַרבסט
אין נייעם לאַנד, ווו כ׳לעב אַצינד,
דאָך די נשמה מיינע וואַרט
אַף מילדן ווינט, אַף פרילינגס־צווייט.

איך האָב זיך לאַנג שוין ניט געפרייט
אין לעצטע יאָרן מיינע דאָ,
ווי איצט אין האַרבסט: דער פרילינג גייט
פאַר זיי, פאַר מיינע ברידער דאָרט!

ס׳דערנענטערט זיך, עס קומט אַפּריל,
עס שמעלצט דאָס אייז, דער הימל בלויט,
דאָס ערשטע בלימל ווערט אנטהילט:
„פאַרגעס מיך ניט״ — איך בין ניט טויט!

די ערשטע גרעזלעך פון דעם פּליין,
זיך רייסן צו דער שיין אַדורך;
דאָס לאַנד איז צייטיק אין פאַרגיין —
זאָל זיין אַ ליכטיקער געבורט!

אַ פרילינג, ווי נאָך קיינמאָל־ווען
פאַר מיינע ברידער אַ געשענק;
אָ, נאַטור, איך בעט דיך, זע,
צו איבערשטייגן זיך אַליין!

זאָל לייכטן אומעטום די לופט
מיט קלאָרער בלויקייט, ווייך ווי זייד,
און מילד, און האָניקדיק אין דופט
זאָל זי פאַר מיינע ברידער זיין!

כאָטש איך בין ווייט... און נאָנט פון האַרבסט,
פון פרילינג ליכטיקן איך טרוים;
אַ מילדע בלויקייט פאַר דעם צער,
פאַר פּיין — אַ שמעקעדיקן רוים.

די קוועלכלעך זאָלן זינגען דאָרט
אַ ליד פון ליכט, אַ ליד פון פרייד;
פאַר איבערבלייב פון גרויסן דור,
מיט וואַרעמקייט, אָ, ווינטן ווייט!

אויב ס'האַרץ פון דיכטער האָט אַ ווערט
און ס'קען פאַרלאַנגען עפּעס גרויס,
און די נאַטור פאַרשטייט און הערט:
אַ שמייכל רוף בײַ זײַ אַרויס!

אַ שמייכל אָפּצוואַשן פּיין
פון שווערע טעג, פון יאָרן טויט,
און אין נשמה זאָל אַריין
דאָס גוטס, די ברכה, ווי אַ טוי!

1945

פרידן

כ׳האָב געבעטן דאָס האַרץ — עס זאָל ריידן —
— אָ, עפּן זיך קוואַל פון וואָרט!

„אַט וואַרף איר אַ רעגן פון פריידן
און פרידן אויף יעדן אָרט.
און אַ טיר צו אַ טיר זאָגן „שלום",
די גאַס איז אַ שטראַל פון געזאַנג;
דעם מענטש האָב איך איבערגעפאָרעמט,
ווייל ער איז געווען מיר באַנג.
צו דעם מאַן, וואָס איז הינטער די גראַטן,
צו דעם וואָס איז קראַנק, אין שפּיטאָל,
אַ ווינטל פון ליבשאַפט פלאַטערט,
אויך זיי דערפילן מיין קול.
ס׳איז פרידן, ס׳איז פרידן, ס׳איז פרידן!
דער טאָג און די נאַכט זיינען פריינט.
דעם טויט טו איך איבערשמידן
אין גאלד פונעם לעבן, אין שיין.
איך גלוסט צו פאַרבעטן די חיות
צום יום־טוב פון היינטיקן טאָג;
פאַרן גאַנצן באַשאַף וועל איך ווייזן,
אַז איך, דער פרידן, בין דאָ!"

אָט־דאָס זיינען די ווערטער אַלע
פאַרשריבן פון מיר אויף פּאַפּיר
ווען דאָס האַרץ האָט געטאָן קוואַלן
מיט פרייד פון פרידן אין מיר.

אַ געבעט צו ווענוס

(לוקרעציוס)

אָ, מוטערל אונדזערע, ווענוס!
אָ, פרייד פון די מענטשן און געטער!
אונטער די באַוועגלעכע שטערן,
לאָזטו שווימען אין ים די שיפן,
און עפנסט בייטן אין דער ערד פּאַר זריעה,
ווייל אַלץ שטאַמט אָפּ פון דיין ווילן
פּאַר געזאַנג און ליבע... און די כמאַרעס
אַנטלויפן פאַר דיין ליכטיקן אָנקום,
און פאַר דיין טריט די ערד ביט זיך אָנעט
צעשפּראָצט מיט בלומען, און דאָס וואַסער
שמייכלט פאַר דיר, ווען דער הימל
אין שטילער קלאָרקייט טוט זיך שפּרייטן.

עס שפּראָצט שוין אַרום דער פרילינג.
דאָס ווינטל איז אַנטציקט. און די פייגל
זיינען די ערשטע, אָ, געטין, אָנצוזאָגן
דיין קומען, לוסטיק־צעציטערט.
די פרייע חיות — ווי זיי שפּרינגען
איבער פעלדער אין קווייטן, און די טייכלעך
זיי קרייצן אין געלאַף... אַזוי לעכצנד
גייט אַנטקעגן די נאַטור דיין מילדקייט
און פאָלגט דיך נאָך, ווו דו ווילסט נאָר.
און איבער ימים, בערג און שטראָמען,
אין די זאַפטיקע לאָנקעס און אין וועלדלעך,

װוּ ס'נעסטיקן די פֿייגל, — די ליבע
װעקסטו אױף אין די ברוסטן, און באַגערן
צו פֿאַרמערן דעם מין אױפֿגעװאַקסן.
און װײַל דו אַלײן ביזט די האַרן
פֿון דער נאַטור, און די אַלע װעזנס
צוליב דיר דאָס ליבט דערזעען
און פֿרײדיק צאַפּלען, אָ, מוטער װענוס!
הױב איך אױף מײַן געזאַנג צום לעבן,
אָ מעכטיקע גראַציעזע געטין!
דו נאָר קענסט אײַננעמען אין שטילער
רו די שטערבלעכע... און די אימפּעריע
פֿון מעכטיקן מאַרס גיט זיך דיר אונטער,
װען דו נעמסט אים אױף אַף דײַן בוזעם,
פֿאַרװונדעט פֿון ליבע, אונטערװאַרפֿסט אים;
װען ער טוליעט זײַן קאָפּ דעם רונדן
צו דײַן ברוסט, אָ, געטין — קער זיך אָפּעט,
זײ אײַנגעהאַלטן, װען מיט די אױגן
גײציקע אַ קוש ער בעט דיר, —
דאַן, אָט־דאַן, אײדעלע געטין,
װען דו האַלטסט אים פֿאַרגאַפֿט איבער דײַן קערפּער,

קום אַרױס מיט די זיסע װערטער
אים צו געפֿעלן — און בעט אים
דעם נוצלעכן שלום פֿאַר די מענטשן...
אַז אַ באַרואיקטער זאָל איך זינגען דײַן רום!

גאָדיוואַ

(אַלפרעד טעניסאָן)

אין אַן אַנדער צייט, אַ ווייטער,
ס'איז שוין טויזנט יאָר אַריבער,
האָט געלעבט די פרוי גאָדיוואַ.
איידל איז געווען די דאַמע,
די לעגענדע שפּינט איר לידער
און ס'איז אמת איר געשיכטע.
ס'איז איר מאַן געווען דער הערשער,
פירשט פון קאָווענטרי גערופן.
בייז איז ער געווען און שרעקלעך,
אַ געשפּענסט, אַ פּעסט, אַן אומגליק —
און קיין הילף איז ניט געווען...
ס'איז אַזוי געשען די מעשה:
ווען דער הערשער האָט באַפוילן
גרויסע שטייערן אים ברענגען,
ביזן העמד פון לייב אַרונטער,
זיינען פרויען מיט די קינדער
וויינענדיק פאַר אים געקומען:
— האָב רחמנות, גרויסער הערשער!
אונדזער נויט איז דער פאַרמעגן,
גאָרנישט קענען מיר דיר ברענגען. —

איז אַוועק צום מאַן גאָדיוואַ.
צווישן זיינע הינט אינמיטן,
שטייט ער ביי דעם פּאַלאַץ גרויסן,
מיט זיין באָרד דער פלאַמיק־רויטער.

בעט זיין פרוי אים פאַר די מענטשן:
— זע, ווי אויסגעדאַרט זיי זיינען!
קען די אָרעמקייט דען צאָלן? —
רעדט זי צו דעם מאַן מיט ווייטיק
וועלנדיק דאָס האַרץ אים רירן. —
הערט איר אויס דער פירשט ברוגז,
ענטפערט איר אַזוי צו זאָגן:
— וואָלסטו איינגעגאַנגען, ווייב מיינס,
פאַר אַט־דער געמיינער באַנדע
ליידן, זיך א קרבן ברענגען? —
— כ׳וואָלט מיין לעבן זיי געגעבן! —
שרייט אַרויס פון האַרץ גאָדיוואַ.
לאַכט דער פירשט אַ בייז געלעכטער,
לאַכט און שווערט באַ אַלע רוחות,
אַז אין לעבן זיינעם קיינמאָל
פון אַזאַ שגעון ווילדן,
ניט געהערט האָט ער ביז איצטער.
און ער פינקלט מיט זיין צירונג,
טראַכטנדיק פון עפּעס גרויליקס:
— אויב דו ביזט שוין אַזאַ איינע,
וואָס דו בעטסט פאַר די געמיינע,
טו וואָס איך וועל דיר באַפעלן!
— אַלעס זאָגט זי, וועל איך טאָן!
— אַלעס? — פרעגט דער מאַן איר איבער.
— נאַקעט אויף אַ פערד — איז זאָלסטו
אין דעם מיטן העלן טאָג
דורך דער שטאָט דער גאַנצער רייטן
און כ׳באַפריי זיי פון דעם שטייער. —
און באַפאַלן פון געלעכטער

איז אַוועק דער ווילדער הערשער
און די הינט מיט אים צוזאַמען.

איינזאם איז אזוי גאָדיוואַ.
אין נשמה גייט אַ קאַמף אָן,
ווי די שטורעם־ווינטן בייזע
וואַרפן אום אַ קליינע שיפל...
און געזיגט האָט ניט איר צניעות,
נאָר איר ליבע צו די מענטשן.

און א פירשטלעכער שליח
האָט טראָמפּייטערט, אויסגערופן
האַרבן אָפּקאַך פון דעם הערשער
מיט דער איידעלער גאָדיוואַ,
וועלכע איז צוליב די מענטשן
איינגעגאַנגען... נאַקעט רייטן. —

האָט דאָס פאָלק די נייס פאַרנומען
און באַשליסט, אַז קיינער זאָל ניט
(ווייל עס שעצט און ליבט גאָדיוואַן),
וואגן אָנקוקן דער פירשטין,
ווען אַ נאַקעטע וועט רייטן
דורך דער שטאָט, דורך אַלע גאַסן;
בלייבן זאָלן אַלע בירגער
אין די הייזער צוגעשלאָסן,
מיר און פענצטער צוגערעקטע.

און גאָדיוואַ — אין דעם לעצטן
קאַמאַרין פון אַלטן פּאַלאַץ,
טוט זיך אויס פון אירע קליידער,
פון איר צירונג, גאָלד און פּערל
(פון דעם פירשט אַמאָל געשאָנקען),

ציטעריק בײַם מינדסטן רױשן ,
װי לבנה אין דעם טײַכל.
מוטיקט זיך... און אירע לאָקן
פֿאַלן ביז די קני אין כװאַליעס.

שױן א נאקעטע אינגאַנצן,
װי אַ בליץ, דורך די קאָלומנעס,
לױפֿט זי צו דעם פֿערד, װאָס װאַרט שױן
אױסגעפּוצט אין גאָלד און פּורפּור. —
רײַט גאַדיװא מוטער־נאַקעט,
נאָר אין שלײַער פֿון די לאָקן.

(דעמלט האָט אַ פּױער אײנער,
אַן אומװירדיק גאָר מענטשל
און א שאַנד פֿאַר אַלע דורות,
דורך אַ שפּאַלט אַרױסגעקוקט
צו באַװוּנדערן דער פֿירשטן —
האָט אַן אומגליק אים געטראָפֿן:
איז געפֿאַלן װי א סנאָפּ
מיט די אױגן, װי די שטײנער).

שלאָגט דער זײגער אױף די שעהן,
ס'קלינגען צװעלף די טורעם־גלעקער,
און די שטאָט — װי אױסגעשטאָרבן
אין דעם העלסטן טאָג פֿון פֿרילינג.

פון זעלבן מחבר:

„מיינע קליינע לידער" 1932
„דער לעצטער מענטש" 1936
„די שוואַרצע טויז" 1938
„די שלאַכט פאַרן מענטש" 1943
„הייליקער אַש און אַנדערע" 1944

ס'האָבן ביי געשטייערט פינאַנציעל פאַרן בוך: די קולטור־קאָמיסיע ביי דער
קהלה און אַ געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט פון פריינד

ESTE LIBRO FUE TERMI-
NADO EI TREINTA DE
MARZO DE MIL NOVE-
CIENTOS CINCUENTA Y
SIETE EN LA EDITORA
GAMA DE MIGUEL RO-
SENBERG, CALLE TA-
CUAREMBO MIL OCHO-
CIENTOS SESENTA Y
UNO, EN LA CIUDAD
DE MONTEVIDEO, REPU-
BLICA O. DEL URUGUAY